STEVEN SPIELBERG DIGITAL YIDDISH LIBRARY
NO. 06059

ARBETSBUKH FAR YIDISH IN FOLKSHUL

L. Bayon

NATIONAL YIDDISH BOOK CENTER
AMHERST, MASSACHUSETTS

NATIONAL YIDDISH BOOK CENTER
AMHERST, MASSACHUSETTS
413 256-4900 | YIDDISH@BIKHER.ORG
WWW.YIDDISHBOOKCENTER.ORG

•

MAJOR FUNDING FOR THE
STEVEN SPIELBERG DIGITAL YIDDISH LIBRARY
WAS PROVIDED BY:

Lloyd E. Cotsen Trust
Arie & Ida Crown Memorial
The Seymour Grubman Family
David and Barbara B. Hirschhorn Foundation
Max Palevsky
Robert Price
Righteous Persons Foundation
Leif D. Rosenblatt
Sarah and Ben Torchinsky
Harry and Jeanette Weinberg Foundation
AND MEMBERS AND FRIENDS OF THE
National Yiddish Book Center

•

The *goldene pave*, or golden peacock, is a traditional symbol
of Yiddish creativity. The inspiration for our colophon comes from
a design by the noted artist Yechiel Hadani of Jerusalem, Israel.

The National Yiddish Book Center respects the copyright and intellectual property rights
in our books. To the best of our knowledge, this title is either in the public domain
or it is an orphan work for which no current copyright holder can be identified.
If you hold an active copyright to this work – or if you know who does –
please contact us by phone at 413-256-4900 x153, or by email at digitallibrary@bikher.org

ל. באַיאָן

אַרבעטסבוך פאַר ייִדיש אין פאָלקשול

בוך איינס

צווייטע פאַרבעסערטע אויפלאַגע

אברהם און גיטל קרעמערמאַן־
פאָנד פאַר פעדאַגאָגישער לי־
טעראַטור ביי דער יידישער שול
אין מעקסיקע

—— 1947 ——



L. BAYON

GRAMATICA DE YIDISH

Para el uso práctico de las Escuelas Primarias

LIBRO PRIMERO

Segunda Edicion |Corregida

Fondo A. y G. Kremerman

para editar literatura pedagogica, anexo al Colegio Israelita de México
1947

PRINTED IN MEXICO

פון דעם „קרעמערמאַן-פאנד"

עס איז פאַר אונדז אַ פרייד אַריינצונעמען אין אונדזער אייגענעם משפּחה-לעבן די אַרבעט פאַר דער יידישער קולטור.

דער קרעמערמאַן-פאַנד אַרויסצוגעבן יידישע פּעדאַגאָגישע ליטעראַטור איז פון איצט אָן אונדזערס אַ קינד, וואָס מיר ווינטשן אים צו וואַקסן און צו אַנטוויקלען זיך און פאַרווערן מיר דאַרפן זאָרגן און טראַכטן.

דאָס בוך וואָס גייט איצט אַרויס איז דער ערשטלינג פון פאַרלאַג. לאָמיר האָפן, אַז נאָך אים וועלן קומען נאָך און נאָך ביכער צו נוצן פון אונדזער יידישער קולטור.

אברהם און גיטל קרעמערמאַן.

צו די לערערס

אויב א שפראכבוד איז נייטיק אין אלע שולן, איז עס פאר יידישע שולן דרינגנדיק, אויב אין מיזרח־איירָאפּע, — ביי אונדז דא — על אחת כמה וכמה! צו אונדזער גרויסער נאציאנאלער טראגעדיע איז דאך דאס יידישע לשון ביי די קינדער ניט דאס נאטירלעכסטע. און עס איז ווייט ניט קיין סימן עשירות וואס אזא ארבעטסבוך פאר די תלמידים פון די יידישע שולן איז ביז איצט נישט געשאפן געווארן. און עס איז ווידער ניט קיין גוטער סימן וואס אזא ארבעטסבוך באווייזט זיך אויף דעם קאנטינענט און ניט אין א גרויסן צענטראלן יידישן יישוב. מוזן בכן די קליינע קיבוצים ווערן צענטערס.
דאס בייגעלייגטע בוך האט געשאפן חבר באיאן אויפן סמך פון זיין לאנגיאריקער פראקטיק. עס איז איבערהויפט אויסגערעכנט אויף דער פארזיכיקער ארבעט פון די קינדער: א קורצע דערקלערונג פון לערער, פארגעבן אהיים, שפעטער קומט דער פראנטאלער קאנטראל — אלע קינדער נעמען ארויס די העפטן מיט די ארבעטן, איינער לייענט, און לויט אים קאנטראלירן אלע קינדער זייער ארבעט. דאס דארף צונעמען פון די לעקציעס דעם מינימום צייט. דאס איז זייער וויכטיק אויך צוליב דעם, וואס די יידישע שולן אין אמעריקע האבן זייער ווייניק צייט אין זייער רשות, און דאס ביסל צייט מוז מען פארווענדן אויף לערנען יידישע קולטור־מקורים וואס זיי זיינען פאר אונדז וויכטיקער ווי טעכנישע לימודים.

אין דעם בוך איז דער גאנג א פארקערטער ווי אין די קלאסישע גראמאטיק־ביכער. אין איטלעכן פאראגראף קומען ניט פריער די דעפיניציעס און שפעטער די ארבעטן וואס דארפן איינגעניטן די קינדער, נייערט גאר פארקערט — צו־ערשט קומען ארבעטן או דערקלערונגען. זיי דארפן דאס זיין די פראקטישע געניטונגען און זיי דארפן אויך באפרוכפערן די אינטויציע פון די קינדער כדי זיי זאלן קענען ענטפערן אויך אויף די געשטעלטע פראגעס. ערשט צום סוף פון איטלעכן פאראגראף זיינען געגעבן כללים. זיי זיינען נישט דווקא צום לערנען, מערער זיינען זיי געגעבן פאר דער אריענטאציע

פון לערער. אויב קינדער וועלן זיך אָריענטירן, דאַרף מען זיי דערמוטיקן צו לערנען די פאָרמולירונגען פון די כללים.

אויך די גראַמאַטיקאַלישע טערמינאָלאָגיע איז דאָ גע־געבן פראַקטיש, אָן דעפיניציעס. די לעצטע קומען שפּעטער. דאָס איז דער ריכטיקער און דער נאַטירלעכסטער וועג ווי צו געבן קינדער באַגריפן.

דאָס בוך איז אויסגערעכנט פאַר די יינגערע קלאַסן, און נאָך אים דאַרפן קומען ווייטערדיקע טיילן פאַר די עלטערע־קלאַסן. צוליב דער השפעה פון די הערשנדיקע שפּראַכן מוז מען אין יידישע שולן פון די אַמעריקאַנער לענדער, זייער פיל אַכט לייגן אויף דעם אַנאַליז פון זאַץ, כדי די קינדער זאָלן זיך אָריענטירן אין די נייטיקע בייגפאַלן אין יידיש.

מיר האָפן אַז דאָס אַרבעטן לויט דעם בוך וועט העלפן די קינדער זיך צו אָריענטירן אין די שפּראַך־פאָרמען און מאַכן זיי היימישער אין אונדזער לשון.

דער מחבר און דער פאַרלאַג וועלן זיין דאַנקבאַר ח״ח לע־רער און קריטיקער פאַר אַלע אָנווייזונגען און באַמערקונגען.

א. גאָלאָמב

א. זאַץ

— 1 —

זאַץ און פּינטל

א. איך גיי שוין אין צווייטן קלאַס.

ב. מיר האָבן זייער ליב די שול.

ג. די קינדער לערנען זיך גוט.

ד. היינט הייבן מיר אָן צו לערנען גראַמאַטיק.

ה. גוטער דער איז אַ לערער

ו. אַ גרויסע איז שול די

ז. שול אין פירט די מיך מאַמע

ח. אונדזערע ביכער זיינען נייע.

ט. אַ סך נייע קינדער זיינען דאָ אין שול.

א ר ב ע ט 1. שרייב איבער די דאָזיקע שורות אין דיין העפט.

2. שרייב איבער באַזונדער די שורות וואָס האָבן אַ גערעדנק.

3. שרייב איבער די שורות פינף, זעקס און זיבן און שטעל דאָרטן איבער די ווערטער, אַז דו זאָלסט פון זיי קענען פאַרשטיין אַ גערעדנק.

4. שרייב אַליין אַן פינף זאַצן און שטעל אַ פּינטל, ווען דו פאַרענדיקסט דעם זאַץ.

> ביים סוף פון אַ פאַרענדיקטן זאַץ, שטעלט מען אַ פּינטל.

— 2 —

בערעלע און דער הונט

בערעלע איז געגאַנגען אין שול. אין איין האַנט האָט ער געהאַלטן אַ ביכל. אין דער צווייטער — אַ קיכל.

אויפן וועג האָט בערעלע באַגעגנט אַ הונט. דער הונט האָט ביי אים אַרויסגעכאַפּט דאָס קיכל. בערעלע האָט אַ וואָרף געטאָן דאָס ביכל דעם הונט. ער האָט אים אויך געהייסן גיין אין שול אַריין.

אַרבעט 5. שרייב איבער די דערציילונג אין דיין העפט. איטלעכן נייעם זאַץ שטעל אין אַ באַזונדער שורה. נאָך יעדן זאַץ שטעל אַ פּינטל.

— 3 —

די באָבע און דאָס אייניקל

אַ באָבע האָט געהאַט אַן אייניקל. דאָס אייניקל האָט געהייסן פריידעלע. פריער איז פריידעלע געווען קליין. זי איז די גאַנצע צייט געשלאָפן. די באָבע האָט איר געגעבן עסן און טרינקען. שפּעטער איז פריידעלע געוואָרן אַ גרויסע. די באָבע איז געוואָרן אַלט. דאַמאָלס האָט פריידעלע געגעבן עסן דער באָבען.

אַרבעט 6. שרייב איבער די דערציילונג און שטעל איטלעכן נייעם זאַץ אין אַ באַזונדער שורה.

7. צייל אויס און פאַרשרייב וויפל זאַצן זיינען פאַראַן אין דער דערציילונג.

— 4 —

די זשאַבע און דער אָקס

אײן מאָל האָט אַ זשאַבע געזען אַן אָקס דער אָקס איז געווען זייער אַ גרויסער די זשאַבע איז געווען זייער אַ קלײנע האָט די זשאַבע געוואָלט ווערן אַזוי גרויס ווי דער אָקס האָט די זשאַבע זיך גענומען בלאָזן זי האָט זיך גע־בלאָזן זייער לאַנג פון צופיל בלאָזן זיך האָט זי געפּלאַצט.

(עזאָפּ)

אַרבעט 8. שרייב איבער די דערציילונג און שטעל אַ פּינטל צום סוף פון יעדן זאַץ.

9. צייל איבער און פאַרשרייב וויפל זאַצן זיינען פאַראַן אין דער דערציילונג.

— 5 —

לאָמיר זען, צי דו וועסט עס קענען!

אַרבעט 10. עמעצער האָט די וויכטיקע שורות צעוואָרפן. שטעל איבער די ווערטער אַזוי, אַז יעדע שורה זאָל שאַפן אַ גוטן און אַ קאָרעקטן זאַץ. נאָך יעדן זאַץ שטעל אַ פּינטל.

א. זאַטער דער גלייבט הונגעריקן דעם ניט (שפּריכוואָרט)

ב. ניט פויל אין האָט דער איז וואָס מויל (שפּריכוואָרט)

ג. שוין איך צווייטן לערן אין קלאַס

ד. ברידער היטל פיר טראָגן איין (פאָלקס רעטעניש)

ה. בוים און ברידער צוויי זיצן איין אויף נישט זיך זען (פאָלקס רעטעניש)

ו. אַ שוסטער טאַטע איז בערלס

ז. אויסלערנען אַ שעמעדיקער קען ניט זיך (שפּריכוואָרט)

— 6 —

דער אייזל אין לייבנפעל

אַן אייזל האָט אַרויפגעצויגן אויף זיך אַ לייבנפעל די מענטשן און די חיות האָבן אים אָנגענומען פאַר אַ לייב זיי האָבן געצויטערט פון אים אַנטלויפן ס'האָט אָבער אַ בלאָז געטאָן אַ ווינט דער ווינט האָט אַראָפגעריסן פון אייזל די פעל דער אייזל איז געבליבן הויל דאַמאָלס איז זיך צונויפגעלאָפן אַן עולם מען האָט דעם אייזל גוט אָנגעבראָכן די ביינער. (עזאָפּ)

אַרבעט 11. שרייב איבער די דערציילונג און שטעל אַ פּינטל צום סוף פון יעדן זאַץ.

— 7 —

דער סדר פון די ווערטער אין אַ זאַץ

א. מיר פאָרן מאָרגן אויף אַן עקסקורסיע.
ב. מאָרגן פאָרן מיר אויף אַן עקסקורסיע.
ג. אויף אַן עקסקורסיע פאָרן מיר מאָרגן.

אַרבעט 12. שרייב איבער די זאַצן און באַמערק, ווי אַזוי עס האָט זיך. אַלע מאָל געביטן דער סדר פון די ווערטער אין זאַץ.

13. שטעל איבער דעם סדר פון די ווערטער אין די ווייַטערדיקע זאַצן לויט דעם מוסטער פון פּאַראַגראַף 7.

א. איך גיי הייַנט אין שול.
ב. דער לערער דערציילט אונדז מעשׂיות.
ג. דער פעטער קומט מאָרגן צו אונדז.

ד. אַ יינגל פיטערט איצט די שעפסן.
ה. די פויערים קומען באַלד צו לויפן.
ו. ער שפּאַצירט אַ גאַנצן טאָג אין וואַלד.
ז. זי לערנט דאָס ליד אויף אויסווייניק.
ח. מיר גייען שפּאַצירן צוזאַמען אין פּאַרק.

> איז אַ דערציילונג קומט שטענדיק דער וואָרט אויפן צווייטן אָרט.

— 8 —

ביינאַכט און ביי טאָג

אַ שוואַרצע שקלאַפין זאָגט איין מאָל צו איר ווייסער פירשטין:

איך בין שענער און ווייסער פאַר דיר!

די פירשטין איז געווען אין גוטן מוט און האָט איר געענטפערט:

— איצינד איז נאַכט און פינצטער. מיר וועלן זען מאָרגן ווען עס וועט טאָג ווערן. (פון די אַלטע יידישע ספרים)

אַ ר ב ע ט 14. שרייב איבער די דערציילונג און שטעל איבער דעם סדר פון די ווערטער אין די זאַצן לויט דעם מוסטער פון פּאַראַגראַף 7.

— 9 —

דערציילזאַץ, פרעגזאַץ און אויסרופזאַץ

— 1 —

בערל גייט אַהיים.
איך שפּאַציר.
ער לערנט זיך.
זי זינגט.
היינט איז אַ
שיינער טאָג.

— 2 —

דו גייסט אַהיים?
וווּ שפּאַצירסטו?
דו לערנסט זיך?
וואָס זינגסטו?
ווען וועט זיין אַ
שיינער טאָג?

— 3 —

גיי אַהיים!
לאָמיר שפּאַצירן!
לערן זיך!
זינג!
אוי, סאַראַ שיינער
טאָג!

אַ ר ב ע ט 15. שרייב איבער די דריי זייַלכלעך און באַמערק, וואָס פאַר אַ צייכן שטייט נאָך יעדן זאַץ אין ערשטן זייַלכל, אין צווייטן און אין דריטן זייַלכל.

16. אין וואָסער זייַלכל שטייען די פרעגזאַצן?

17. אין וואָסער זייַלכל שטייען די דערציילזאַצן און די אויסרופזאַצן?

18. שרייב אָן צוויי פרעגזאַצן, צוויי דערציילזאַצן און צוויי אויסרופזאַצן.

דער זאַץ וואָס דערציילט עפּעס הייסט **דערציילזאַץ.**
דער זאַץ וואָס פרעגט עפּעס הייסט **פרעגזאַץ.**
דער זאַץ וואָס דריקט אויס אַן אויסגעשריי אָדער אַ רוף הייסט **אויסרופזאַץ.**
די צייכנס הייסן: **פּינטל, פרעגצייכן** און **אויסרופצייכן.**

— 10 —

פ ר י ל י נ ג

פרילינג קומט אויף אַלע וועגן.
לויפט דעם ליבן גאַסט אַנטקעגן!
לויפט צום וואַלד! לויפט צום פעלד!
אומעטום אַ פרייע וועלט.
קלינגט און זינגט! שפרינגט און ברומט!
פרילינג קומט. פרילינג קומט.

א ר ב ע ט 19. שרייב איבער דאָס ליד „פרילינג" אין דיין העפט און שטרייך אונטער די אויסרופזאַצן.

20. צייל אויס און פאַרשרייב וויפל זיינען דאָ אין ליד אויסרופזאַצן און וויפל דערציילזאַצן.

— 11 —

ל ו י ט ד י ה ע ר נ ע ר

אַ בעלעמער האָט באַגעגנט אַ פויער. דער פויער האָט געפירט אַ קו צו פאַרקויפן.

— ווי אַלט איז די קו? — פרעגט דער בעלעמער דעם פויער.

— צוויי יאָר. — ענטפערט דער פויער.

— פון וואַנען ווייסטו?

— לויט די הערנער.

— טאַקע! די קו האָט טאַקע צוויי הערנער! האָט אויסגעשריען דער בעלעמער.

(פון די בעלעמער וויצן)

א ר ב ע ט 21. שרייב איבער די דערציילונג און שטרייך אונטער די דערציילזאַצן מיט איין פּאַסיקל און די פרעגזאַצן מיט צוויי פּאַסיקלעך.

22. שרייב אָן פינף פרעגזאַצן.

— 12 —

אַ קריג

בערל האָט געזאָגט:

— צו פֿרילינג ווערן די נעכט קירצער.

— פֿאַרקערט — מאַכט פּיוול — צו פֿרילינג ווערן די טעג לענגער.

— ניין, די נעכט קירצער! — שרייט בערל.

— ניין, די טעג לענגער! — שרייט פּיוול.

צעלאַכט זיך די מאַמע: — וואָס קריגט איר זיך? איר הערט וואָס איר רעדט?

די קינדער האָבן אַ טראַכט געטאָן און האָבן זיך אויך צעלאַכט.

אַרבעט 23. שרייב איבער די דערציילונג און שטרייך אונטער די אויסרופֿזאַצן מיט איין פּאַסיקל און די פֿרעגזאַצן מיט צוויי פּאַסיקלער.

24. שרייב אויס באַזונדער די דערציילזאַצן, די פֿרעגזאַצן און די אויסרופֿזאַצן.

— 13 —

געטראָפֿן

צוויי כּלעטער באַגעגענען זיך.

פֿרעגט איינער:

— טרעף, ווען ביי מיין טאַכטער איז החתונה?

— זונטיק.

— ניין!

— מאָנטיק?

— ניין!

— דינסטיק!

— ניין!

— מיטוואָך, דאָנערשטיק!

— ניין! ניין!

— פרייטיק!

— ניין!

— שבת צו נאַכטס!

— יע, פון וואַנען האָסטו געטראָפן? מסתמא האָסטו געהערט.

(פון די כעלעמער מעשהלעך)

א ר ב ע ט 25. שרייב איבער דאס מעשהלע און שטרייך אונטער די דערציילזאצן מיט איין פּאַסיקל, די אויסרופזאצן מיט צוויי און די פרעגזאצן מיט דריי פּאַסיקלעך.

26. שרייב אויס די טעג פון דער וואך.

27. שרייב אן פינף דערציילזאצן, פינף פרעגזאצן און פינף אויסרופזאצן.

— 14 —

סוביעקט און פּרעדיקאַט

א. דער טאַטע אַרבעט.
ב. די מאַמע ראַמט.

ווער אַרבעט? דער טאַטע.
וואָס טוט דער טאַטע? אַרבעט.

ווער ראַמט? די מאַמע.
וואָס טוט די מאַמע? ראַמט.

אין אַ זאַץ האָבן מיר אַ **סוביעקט** און אַ **פּרעדי־קאַט**.
דער ענטפער אויף דער פראַגע **ווער**? גיט אונדז דעם **סוביעקט**.
דער ענטפער אויף דער פראַגע **וואָס טוט**? גיט אונדז דעם **פּרעדיקאַט**.

— 15 —

אַ ר ב ע ט 28. שרייב איבער די ווייטערדיקע זאַצן און שטרייך אונ־טער דעם סוביעקט מיט איין פּאַסיקל און דעם פּרעדי־קאַט מיט צוויי פּאַסיקלעך.

דער פרילינג איז געקומען. די ביימער בליִען. די גראָזן וואַקסן. די זון שיינט. מענטשן שפּאַצירן. די קינדער שפּילן זיך. די פענצטער זיינען אָפן. די פייגל זינגען. די לופט איז פריש.

— 15־א —

דער ברודער שפּילט זיך. די שוועסטער זינגט. דער פֿעטער גייט. די מומע זיצט. דער קוזין פֿרעגט. די קוזינע ענטפֿערט. דער פּלימעניק לערנט. די פּלימעניצע אַרבעט. דער זיידע שפּאַצירט. די באָבע שטריקט. דאָס איינקל וויינט.

אַ ר ב ע ט 29. שרייב איבער די זאַצן און געפֿין די סוביעקטן און פּרעדיקאַטן פֿון איטלעכן זאַץ מיט דער הילף פֿון די פֿראַגעס **ווער? וואָס טוט?**

ביישפּיל:

דער ברודער שפּילט זיך. ווער שפּילט זיך? **דער ברודער.** וואָס טוט דער ברודער? **שפּילט זיך.**

אַ ר ב ע ט 30. שרייב איבער די סוביעקטן באַזונדער און די פּרעדיקאַטן באַזונדער.

31. שרייב אַ פֿינף זאַצן און שטרייך אונטער דעם **סוביעקט** מיט איין פּאַסיקל און דעם **פּרעדיקאַט** מיט צוויי פּאַסיקלעך.

— 16 —

אַ חכם שווייגט. דער נאַר רעדט. דער ליגנער גלייבט ניט. דער נאַר כעסט זיך. דער גרויסהאַלטער בלאָזט זיך. דער געלערנטער איז באַשיידן. אַ קלאַפּ פֿאַרגייט, אַ וואָרט באַשטייט. אַ קלוגער הייבט זיך ניט אָן. אַ פּחדן אַנטלויפֿט. אַ נאַר קריגט געשלאָגן.

אַ ר ב ע ט 32. שרייב איבער די פֿאָלקסווערטלעך און שטרייך אונטער דעם סוביעקט און דעם פּרעדיקאַט.

33. שרייב אויס באַזונדער די סוביעקטן און די פּרעדיקאַטן.

34. צו די ווייטערדיקע סוביעקטן שטעל צו פּרעדיקאַטן.

די טייבעלעך, די פֿישעלעך, די פֿייגעלעך, דער רעגן, דאָס וואַסער, דאָס פֿייער, דער הימל, די זון, די לבנה, די שטערן, דער ווינט, די לופֿט, די ביימער, דאָס גראָז, די בלומען, די שטוב, דאָס צימער.

ב. וואָרט

ווערטער אין אַ זאַץ

— 17 —

אַ שפּיל אין בלענדעניש

— מיידעלע, ווו ביסטו?
— דאָ!
— אויף וואָס שטייסטו?
— אויף אַ פּאַס.
— וואָס טרינקסטו?
— עפּל קוואַס.
— ווו איז דאָס לעפעלע?
— פאַרלוירן!
— גיי זוך עס!

(קינדערשפּיל)

אַ ר ב ע ט 35. צייל אויס און פאַרשרייב אין דיין העפט וויפל זאַצן זיינען דאָ פאַראַן.

36. שרייב איבער באַזונדער די דערציילזאַצן, פרעגזאַצן און אויסרופזאַצן.

37. שרייב איבער באַזונדער די זאַצן, וואָס באַשטייען פון איין וואָרט, פון צוויי ווערטער און פון דריי ווערטער.

— 18 —

נעכטיקע וועטשערע

אַן אָרעמאַן איז אַ מאָל אַריין צו מאָטקע כּאַבאַד. ער האָט געבעטן אַ ביסל געקעכטס.

— אפשר וועט איר עסן נעכטיקע וועטשערע? — האָט אים מאָטקע געפרעגט.

— אָך, פאַר וואָס ניט? — האָט דער אָרעמאַן געזאָגט.

— וועט איר מוחל זיין קומען מאָרגן. מאָרגן וועט איר

האָבן נעכטיקע וועטשערע. — האָט אים מאַטקע גע־
ענטפערט. (פון די „מעשהלעך פון מאַטקע כאַבאַד")

אַרבעט 38. שרייב איבער דאָס מעשהלע אין דיין העפט.
39. צייל אויס און פאַרשרייב וויפל ווערטער האָט יעדער
זאַץ.

— 19 —

דער ליגנער

אַ יינגל האָט געפּיטערט שעפּסן. האָט זיך אים פאַר־
וואָלט אָפּנאַרן די פּויערים פון דאָרף. האָט ער אָנגעהויבן
צו שרייען:

— ראַטעוועט! — אַ וואָלף!

די פּויערים זיינען געקומען צו לויפן. זיי האָבן דערזען,
אַז מען האָט זיי אָפּגענאַרט.

אַזוי האָט דאָס יינגל אָפּגעלאַכט פון זיי עטלעכע
מאָל.

איין מאָל איז טאַקע אויף אַן אמתן געקומען אַ וואָלף.

— ראַטעוועט! אַ וואָלף! — האָט דער ליגנער גענור־
מען רופן.

קיינער האָט אים שוין אָבער ניט געגלייבט. מען איז
צו אים מער נישט געקומען.

דער וואָלף האָט אויסגעשטיקט די גאַנצע טשערעדע.

(פון עזאָפּס מעשהלעך)

אַרבעט 40. שרייב איבער דאָס מעשהלע' און שטרייך אונטער די
דערציילזאַצן מיט איין פּאַסיקל און די אויסרופזאַצן
מיט צוויי פּאַסיקלעך.
41. צייל אויס און פאַרשרייב וויפל ווערטער האָט יעדער
זאַץ.
42. שרייב אַן דריי זאַצן צו צוויי ווערטער, דריי זאַצן צו
דריי ווערטער און פיר זאַצן צו פינף ווערטער.

צונויפהעפט

— 20 —

אונדזער שטוב

ביי אונדז אין שטוב זיינען דאָ זעקס צימערן: אַ זאַל, אַן עסצימער, אַ שלאָפצימער, אַ קינדער־צימער, אַן אַר־בעטס־צימער און אַ שפּילצימער.

אין זאַל הענגט אַ שיינער הענגלאָמפּ.

אויף דער וואַנט אין עסצימער הענגט אַ קיילעכיקער וואַנטזייגער.

אין שלאָפצימער שטייען בעטן און אַ קליידער־שאַ־פע.

אין קיך שטייט אַ גאַזאָוויון און אַן אייזקאַסטן.

אין אַרבעטס־צימער שטייט אַ געשניצטע ביכער־שאַפע און אַ גרויסער שרייבטיש.

אַ ר ב ע ט 43. שרייב איבער די באַשרייבונג און שטרייך אונטער די ווערטער וואָס זיינען צונויפגעהעפט פון צוויי אָדער מער ווערטער.

אַ ר ב ע ט 44. שרייב איבער די ווייטערדיקע צונויפהעפטן און דער־קלער זייער באַטייט לויט דעם ביישפּיל:

עסצימער — צימער צום עסן

שלאָפצימער —

שרייבטיש —

נאָזטיכל —

עפּלבוים — בוים פון עפּל

פרוכטביימער —

וואַלדהון —

פייגלנעסט —

א ר ב ע ט 45. העפט צונויף איין ווארט פון די געגעבענע ווערטער.

מעסער צום האַקן — האַקמעסער
צימער צום שרייבן —
צימער צום שפּילן —
טאַבאַק צום שמעקן —
קעסטל אויף פּאָסט —
קאָרב אויף פּאַפּיר —
טאָפּ אויף בלומען —
גאָרטן פון פרוכט —
וואַסער פון טייך —
באַלאָן מיט לופט —
לאָמפּ וואָס הענגט —
פויגל וואָס זינגט —

ווערטער וואָס זיינען צונויפגעהעפט פון עטלעכע רופט מען צונויפהעפט.

א ר ב ע ט 46. שרייב אָן צען צונויפהעפטן און דערקלער זייער באַטייט.

ג ע ק י ר צ ט ע ו ו ע ר ט ע ר

— 21 —

ניין, כ׳לאַך עס טאָכטער זיסע,
כ׳גיב נישט אָפּ דיך פאַר קיין גאָלד!

ס׳קלענסטע ברודערל זאָגט אין דער שטיל:
איך, קליין ברודערל, פלימעלעך וויל!
ס׳צווייטע זאָגט: כ׳וויים שוין לאַנג,
די מאַמע פלוימען האַלט אין דער גרויסער שאַנק.

ס'איז אַ מאָל געווען אַ ציגעלע מיט אַ באָבען.

מ'האָט אים געוואָלט צוכאַפּן פון שטוב.

אַרבעט 47. שרייב איבער די ערשטע צוויי זאַצן.

48. ווי אַזוי וואָלסטו אַנדערש אָנגעשריבן די ווערטער כ'לאַך, כ'גיב?

49. שרייב איבער דעם דריטן, פערטן, פינפטן און זעקסטן פּערז.

50. שרייב איבער אַנדערש די ווערטער ס'קלענסטע, ס'צווייטע, כ'וויס.

51. שרייב איבער אַנדערש די ווערטער ס'איז, מ'האָט.

— 22 —

אַרבעט 52. פאַרקירץ די ווייטערדיקע ווערטער:

איך לערן — כ'לערן	דאָס הינטעלע — ס'הינטעלע
איך לויף —	דאָס קעצעלע —
איך שרייב —	דאָס טייבעלע —
איך אַרבעט —	דאָס מעסערל —
איך גיי —	דאָס ייִנגעלע —
איך וויל —	דאָס מיידעלע —
עס לויפט — ס'לויפט	מען נעמט — מ'נעמט
עס ברענט —	מען טראַכט —
עס שפּרינגט —	מען כאַפּט —
עס רעגנט —	מען לערנט —
עס שמעקט —	מען היט —
עס רוישט —	מען זעט —

אַ ר ב ע ט 53. פאַרקירץ אין דער דערציילונג די ווערטער וואָס לאָזן זיך.

ניט געקענט זיך צעקריגן.

עס איז אַ מאָל געווען אַ ברודערל מיט אַ שוועסטערל. איין מאָל האָט דאָס ברודערל געזאָגט צו זיין שוועסטערל:

— איך האָב געהערט, אַז עס זענען פאַראַן ברידער און שוועסטער וואָס קריגן זיך. לאָמיר זיך אויך אַ ביסעלע צעקריגן.

האָט דאָס שוועסטערל געזאָגט:

— איך ווייס אָבער ניט ווי אַזוי מע טוט דאָס.

האָט דאָס ברודערל געזאָגט:

— איך וועל דיך אויסלערנען. איך וועל נעמען דאָס מעסערל, וואָס דער פאָטער האָט אונדז ביידן געגעבן און איך וועל זאָגן: דאָס מעסערל איז מיינס, זאָלסטו זאָגן: „ניין, דאָס מעסערל איז מיינס". און אַזוי וועלן מיר זיך ביידע צעקריגן.

דאָס ברודערל האָט גענומען דאָס מעסערל און האָט אויסגעשריען: „זאָלסט וויסן, אַז דאָס מעסערל איז מיינס".

דאָס שוועסטערל האָט אַ ווײַלע אַ טראַכט געטאָן און באַלד געענטפערט:

— אויב עס איז דיינס, טאָ נעם זיך דיר עס!

און אַזוי האָבן זיך דאָס ברודערל און דאָס שוועסטערל ניט געקענט צעקריגן.

די ווערטער איך, דאָס, עס, מען, ווערן אָפט מאָל געקירצט און צוגעשטעלט צום אָנהייב פון צווייטן וואָרט מיט אַ שטריכעלע פון אויבן. דאָס שטריכעלע רופט מען אַפּאָסטראָף.

ט ר אַ ף

— 24 —

א י צ י פ י ט ש ע ר י צ י

איצי פיטשעריצי
רופט צו זיך די קיצי:
— קיצי־קעצל, שלאָפן באַלד,
פאָרן מאָרגן מיר אין וואַלד
צו מיין זיידן דודי העשל
צו מיין באָבען אידי קרעסל, —
דאָרטן ווײַנשל אויפן דאַך,
בינענשטאָקן — אַך־אַך־אַך!

(לייב קוויטקאָ)

אַ ר ב ע ט

54. שרייב איבער דאָס ליד און צעטייל די ווערטער אויף זייערע טראַפן.

55. וויפל איינטראַפיקע און וויפל צווייטראַפיקע ווערטער האָבן די צווייטע און דריטע שורה?

56. וויפל טראַפן האָבן די ווערטער **שלאָפן, מאָרגן, זיידן, העשל, קרעסל, ווײַנשל?**

57. דער ערשטער טראַף פון די פריער אויסגערעכנטע ווער־טער האָט אַ וואָקאַל. צי האָט אויך דער צווייטער טראַף אַ וואָקאַל? וואָסערע אותיות שטייען צום סוף פון צווייטן טראַף?

> יעדער טראַף האָט כמעט שטענדיק אַ וואָקאַל.
> **למד** און **נון** וואָס האָבן פאַר זיך אַ קאָנסאָנאַנט, קע־נען אָבער בילדן אַ טראַף אָן אַ וואָקאַל. מיר רופן זיי דערפאַר **טראַפיקער למד** און **טראַפיקער נון.**

— 25 —

אַ טאַנץ פון אותיות

נון, גימל
הא, שין —
אין אַ דריידל
הער און הין.

שין, הא
גימל, נון —
שיינט דער שטערן
ווי די זון.

הא, שין,
נון, גימל —
פליט אַ שטערן
פונעם הימל.

נון, גימל,
שין, הא —
קושט דער שטערן
מיך און זיי.

(א. שטיינבאַרג)

א ר ב ע ט 58. שרייב איבער דאָס לידל, צעטייל די ווערטער אין טראַפן און שטרייך אונטער די טראַפן וואָס האָבן דעם טראַפיקן **למד** און טראַפיקן **נון**.

— 26 —

תירוצים

אַ גאַנצע וואָך איז אַבקע אין שול נישט געווען. שבת איז ער געקומען. האָט אים דער לערער געפרעגט:

— אַבע, פאַר וואָס ביסטו אַ גאַנצע וואָך אין שול נישט געווען?

— האָט אַבקע אַזוי געענטפערט:
זונטיק בין איך געווען מיד,
מאָנטיק איז געווען אַ יאַריד,

דינסטיק איז געווען אַ שלאַקסרעגן,
מיטוואָך איז געווען אַ בלאָטע אויף די וועגן,
דאָנערשטיק האָט געשנייט
און פרייטיק האָט דער האָן נישט געקרייט.

(יצחק קאַצענעלסאָן)

אַרבעט 59. שרייב איבער די דערציילונג איז דיין העפּט און צעטייל די ווערטער אויף טראַפּן.

60. צייל אויס און פאַרשרייב וויפל איינטראַפּיקע, צוויי־טראַפּיקע און מערטראַפּיקע ווערטער זיינען דאָ אין דער דערציילונג.

— 27 —

דער פּשוטער קרוג און דער גאָלדענער עמער

אַ דינסט איז געגאַנגען איין מאָל שעפּן וואַסער אין אַ ברונעם. איז איר קרוג אַריינגעפאַלן אין ברונעם. האָט זי זייער געוויינט און האָט זיך שטאַרק מצער געווען.

דערווייל איז אָנגעקומען אַ דינסט פון אַ רייכן שר מיט אַ גאָלדענעם עמער און ער איז אויך אַריינגעפאַלן אין ברונעם.

האָט די ערשטע דינסט זיך זייער געפרייט.

האָט די צווייטע דינסט זי געפרעגט, פאַר וואָס זי פרייט זיך. האָט די ערשטע געענטפערט:

— עמיצער וועט דאָך געוויס אַריינגיין אין ברונעם אַרויסנעמען דעם גאָלדענעם עמער, וועט ער שוין מיין קרוג אויך אַרויסנעמען. ווען דיין עמער וואָלט נישט

אַריינגעפאַלן, וואָלט קיינער נישט אַראָפּגענאַנגען אין ברונעם פון מיין קרוגם וועגן.

(פון די יידישע לעגענדעס)

א ר ב ע ט 61. שרייב איבער די דערציילונג און שטרייך אונטער די איינטראַפּיקע ווערטער מיט איין פּאַסיקל, די צווייטראַפּיקע מיט צוויי פּאַסיקלעך, די דרייטראַפּיקע און די מערטראַפּיקע מיט דריי פּאַסיקלעך.

62. שטעל אויס איז באַזונדערע זיילכלעך די איינטראַפּיקע, צווייטראַפּיקע, דרייטראַפּיקע און מערטראַפּיקע ווערטער.

דאָס וואָרט וואָס באַשטייט פון איין טראָף הייסט איינטראַפּיק וואָרט.
דאָס וואָרט וואָס באַשטייט פון צוויי טראָפן הייסט צווייטראַפּיק וואָרט.
דאָס וואָרט וואָס באַשטייט פון דריי טראָפן הייסט דרייטראַפּיק וואָרט.

אַ ק צ ע נ ט

— 28 —

ד י מ ו מ ע ז ע ל ד ע

הענט אויף מיינע אייגעלעך,
אַ שטימע הינטער מיר:
— „זאָג, ווער איז דאָס, מאַטעלע,
ווער שטייט דאָ הינטער דיר?"
„כ'ווייס ניט, מומע זעלדעניו,
דו האָסט מיך פאַרבלענדט.

װי זשע קאָן איך װיסן,
אַז דו נעמסט ניט צו די הענט”?

(לאה קאַפּעלאָװיטש)

אַ ר ב ע ט 63. שרײַב איבער דאָס ליד און צעטייל יעדעס װאָרט אויף טראַפּן.

64. שטעל שטריכעלעך איז דער הייך אויף דעם אַקצענטירטן טראַף. בײַשפּיל:

די מו־־מע ז׳על־דע.
הענט אויף מײַ־־נע איי־־גע־לעך.

— 29 —

עטעלע

ליב האָט אונדזער עטעלע,
צו ליגן לאַנג אין בעטעלע.
פֿיינט האָט זי נאָר אויפֿצושטיין,
אויך בײַנאַכט צו שלאָפֿן גיין.

ליב האָט עטעלע צו נאַשן,
פֿיינט דאָס פּנימל צו װאַשן.
קנאַקן ניסלעך? — גאָרניט פֿויל,
פֿיינט צו אויסשװענקען דאָס מויל.

(י. ל. פּרץ)

אַ ר ב ע ט 65. שרײַב איבער דאָס ליד און שטעל איז דער הייך שטרי־כעלעך אויף דעם אַקצענטירטן טראַף.

— 30 —

דער האָן און די פלעדערמויז

(משל)

אַ האָן און אַ פלעדערמויז זיינען געזעסן צוזאַמען.
זאָגט דער האָן:
— איך וויל, אַז עס זאָל שוין טאָג ווערן!
זאָגט די פלעדערמויז:
— איך וויל אויך, אַז עס זאָל שוין טאָג ווערן!
זאָגט דער האָן:
— איך האָב אויף טאָג, ווייל איך קען ביי טאָג זען. דו, פלעדערמויז, דו זעסט דאָך נאָר ביינאַכט, וואָס האָפסטו אויף טאָג?

(פון די אַלטע יידישע ספרים)

אַ ר ב ע ט 66. שרייב איבער דעם משל און שטעל איז דער הייך שטרי-כעלעך אויף דעם אַקצענטירטן טראַף.

> שטענדיק ווערט איין טראַף אין אַ מערטראַפיקן וואָרט שטאַרקער אַרויסגערעדט. מען זאָגט, אַז אויף דעם טראַף זייזייט דער אַקצענט.

אַריבערטראָגן

— 31 —

דער לייב און דער בער

אַ לייב מיט אַ בער האָבן געפאַנגען אַ הירשעלע און גענומען זיך רייסן צוליב אים. קיינער פון זיי האָט דעם חבר זיינעם גאָרנישט נישט געוואָלט איינטיילן און ס'האָבן זיך אָנגעהויבן שיטן קלעפ ווי האָגל.

ביידע זיינען געבליבן אָן כוחות און האָבן זיך צוגע־לייגט אויף אַ ווײַלע אָפּכאַפּן דעם אָטעם. דערווייל איז פאַרביינעלאָפן אַ פוקס. דערזעען אַז זיי ליגן ביידע אָפּגע־שוואַכטע, האָט ער זיך אונטערגעגנבעט צו זיי, געכאַפּט דאָס הירשעלע און געמאַכט פּיס... דער לייב מיטן בער האָבן געזען דעם גנב. זיי האָבן אים אָבער גאָרנישט נישט געקאָנט טאָן.

— סאַראַ אומגליקלעכע מיר זיינען! — האָבן זיי גע־זאָגט איינער צום אַנדערן. — אַזוי פיל כוחות אַוועקגע־לייגט, אַזוי געריסן זיך! און פאַר וועמען? — פאַרן פוקס!...

(עזאָפּ)

א ר ב ע ט 67. שרייב איבער דאָס מעשהלע און באַמערק וואָסערע ווער־טער עם זיינען אריבערגעטראָגן געוואָרן.

68. צעטיילו די ערשטע צוויי זאַצן אויף טראַפּן און באַ־מערק וואָסערע ווערטער עס קענען אריבערגעטראָגן ווערן.

69. שטעל אוים אין באַזונדערע זייַלכלעך די ווערטער וואָס קענען יאָ אריבערגעטראָגן ווערן און די ווערטער וואָס קענען נישט אריבערגעטראָגן ווערן.

— 32 —

זי וויל זיך צוגעווינען

אַ כעלעמער מיידל, וואָס האָט נאָך קיין מאָל קיין קו פאַר די אויגן נים געזען, איז געקומען אין אַ דאָרף.

איין מאָל האָט זי באַמערקט, ווי איר קרובה מעלקט אַ קו און דאָס מיידל האָט געקראָגן חשק זיך אויסצולער־נען מעלקן.

— גוט. — מאַכט די קרובה — אַט האָסטו די קו און דאָס מילכשעפל. זעץ זיך אַוועק און מעלק!

— שוין ווילט איר, איך זאָל קענען אויסמעלקן אַ קו — רופט אויס דאָס דערשראָקענע מיידל. לאָזט מיר פריער אויסמעלקן אַ קליין קעלבעלע, און שפּעטער, אַז איך וועל דאָס קענען, וועל איך אויסמעלקן אַ קו.

(פון די כעלעמער מעשהלעך)

א ר ב ע ט

70. שרייב איבער דאָס מעשהלע אין דיין העפט און צעטייל די ווערטער אויף טראַפן.

71. שרייב איבער די ווערטער פון די ערשטע פיר זאַצן וואָס מען קען זיי אַריבערטראָגן.

72. שרייב איבער באַזונדער פון די זעלביקע זאַצן די ווערטער וואָס מען קען זיי נישט אַריבערטראָגן.

> אויב אַ וואָרט שטעלט זיך נישט אויס אין גאַנצן צום סוף פון דער שורה, טראָגט מען אַ טייל אַריבער אין דער צווייטער שורה. אַריבערטראָגן קען מען נאָר גאַנצע טראַפן. אַן איינטראַפּיק וואָרט קען מען ניט צעטיילן אויף צו אַריבערטראָגן.

ג. קלאַנגען און אותיות

— 33 —

די אותיות

א. — אַלף
בּ. — בּית
ב. — בית
ג. — גימל
ד. — דלד
ה. — הא
ו. — וו
ז. — זין
ח. — חית
ט. — טית
י. — יוד
כּ. — כּף
כ. — כף
ך. — לאַנגער כף
ל. — למד
מ. — מם

ם. — שלאָס מעם
נ. — נון
ן. — לאַנגער נון
ס. — סמך
ע. — עין
פּ. — פּיי
פֿ. — פֿיי
ף. — לאַנגער פֿיי
צ. — צדיק
ץ. — לאַנגער צדיק
ק. — קוף
ר. — רייש
שׁ. — שין
שׂ. — שין
תּ. — תּוו
ת. — תוו

דער יידישער אלף-בית שטאַמט פון העברעיש. ער האָט 32 אותיות.
אויסער דעם נוצן מיר אין יידיש אַנדערע אותיות, ווי אַ (פּתח אַלף), אָ (קמץ אַלף), וו (צוויי וואוון), זש (זין שין), טש (טית שין).

א ר ב ע ט 73. שרייב איבער דעם אַלף־בית און לערן זיך אויס דעם סדר פון די אותיות פון אויסווייניק.

74. שרייב אויס די ווייטערדיקע ווערטער לויטן סדר פון אַלף־בית.

שרייבן, תנך, פליען, געבן, הייבן, רינען, קריכן, דינגען, טאַטע, מאַמע, זיידע, פעטער, פלימעניק, אותיות, באָבע, וואַסער, חבר, יאָרן, כלה, כאַפּן, לייען, נעמען, עסן, שמחה, צוקער, סאָווע.

א ר ב ע ט 75. שרייב אויס די נעמען פון די תלמידים פון דיין קלאַס לויטן אַלף־בית.

76. שרייב אויס די פאַמיליע־נעמען פון די תלמידים פון דיין קלאַס לויטן אַלף־בית.

פון אַלף ביז תוו

א. אַלף איז אַן אַקער וואָס אַקערט דאָס פעלד.
ב. בית איז ברויט וואָס שפּייזט די וועלט.
ג. גימל איז אַ גלאָק וואָס קלינגט און וועקט
ד. דלד איז אַ דאַך מיט שינדלען באַדעקט.
ה. הא איז אַ האַנט אויף אַרבעט און שפּיל.
ו. וו איז אַ וועג וואָס פירט צום ציל.
ז. זין איז די זון וואָס שיינט פאַר אַלע.
ח. חית איז אַ חופּה פאַר חתן כלה.
ט. טית איז אַ טיגער — ווילד און פרעך.
י. יוד איז אַ יאָזשיק מיט נאָדל־שטעך.
כ. כף איז אַ כאָר וואָס זינגט אַ געזאַנג.
ל. למד איז אַ לירע מיט רירנדיקן קלאַנג.
מ. מם איז אַ מיל וואָס מאָלט כסדר.

נ. נון איז אַ נאָדל צום נייען קליידער.
ס. סמך איז אַ סאָווע — בייטאָג איז זי בלינד.
ע. עין איז אַן עראָפּלאַן וואָס פליט דורכן ווינט.
פּ. פּיי איז אַ פּאַלמע הויך און שלאַנק.
פֿ. פֿיי איז אַ פוס צום גיין אַ גאַנג.
צ. צדיק איז אַ צוואַנג געמאַכט מיט אַ צוואַנג.
ק. קוף איז אַ קעמל מיט אַ שפּיציקער פּלייצע.
ר. ריש איז אַ ראָד וואָס דרייט און דרייט זיך.
ש. שין איז אַ שיף מיט קוימענס דריי.
ת. תוו איז די תורה — אַלט און ניי.

(אַלעף כ"ץ)

אַ ר ב ע ט 77. שרייב איבער דאָס ליד און שטרייך אונטער די ווער־טער וואָס זיינען לויטן סדר פון אַלף־בית.

78. שרייב אויס באַזונדער די ווערטער וואָס זיינען לויטן סדר פון אַלף־בית.

— 35 —

וויג־ליד

אַלף, בית, גימל —
אויף מיין זון אַ זיסער דרימל;
דלד, הא, וו —
אויף מיין זון אַ זיסער שלאָף;
זין, חית, טית —
טאָג און נאַכט איז אַ מעת לעת;
יוד, כף, כף —
קומט די נאַכט, קומט אָן דער שלאָף;
למד, מם, נון —

קומט דער טאָג, גייט אויף די זון;
סמך, עין, פּיי —
טוט דאָס הינדעלע אַ קריי;
פיי, צדיק, קוף —
צו דער אַרבעט טוט אַ רוף;
רייש, שין, תוו —
שלאָף מיין חיות, שלאָף.

(א. שטיינבאַרג)

אַ ר ב ע ט 79. שרייב איבער דאָס וויגליד אין דיין העפט און לערן עס אויס אויסווייניק.

— 36 —

טש און זש

דאָס ריטשקעלע רוישט. די סאַזשעלקע איז פול מיט פיש. די זשאַבע האָט זיך געבלאָזן. דער קינדער־זשורנאַל איז אילוסטרירט. די טשערעדעס פאַשען זיך אויף די לאָנקעס. דער זשוק זשומעט אין וואַלד.

אַ ר ב ע ט 80. שרייב איבער אין דיין העפט די דאָזיקע זאַצן און שטרייך אונטער די ווערטער וואָס האָבן אַ **טש** מיט איין פּאַסיקל און די ווערטער וואָס האָבן אַ **זש** מיט צוויי פּאַסיקלעך.

81. שרייב אויס באַזונדער די ווערטער וואָס האָבן אַ **טש** און אַ **זש**.

— 37 —

אַרבעט 82. שרייב איבער די ווייטערדיקע זאַצן און שטעל אריין אַ טש אָדער זש.

א. אַז ס'איז נישטאָ קיין פליש, גרי(—)עט מען ביינער. (שפּריכוואָרט)

ב. פּאַ(—)ע, פּאַ(—)ע קיכעלעך, דער טאַטע וועט ברענגען שיכעלעך. (פאָלקסליד).

ג. בעסער אַ פּאַ(—) פון אַ חכם, איידער אַ קוש פון אַ נאַר. (שפּריכוואָרט).

ד. בעסער זיך צו ווינ(—)ן, איידער זיך צו שעלטן. (שפּריכוואָרט)

ה. פון באָרש(—) מיט ברויט ווערן די באַקן רויט. (שפּריכוואָרט)

ו. דער שניי האָט די סטע(—)קעס פאַרשאָטן.

ז. הירשעלע האָט אַרויסגענומען פון קעשענע אַ פּאַר(—)אָווערטן (—)וואָק.

ח. די געגנדזעלעך האָבן ליב היר(—).

ט. זאָג(—)ע עס טאַקע נאָך אַ מאָל.

י. מע לאַכט מיט יאַש(—)ערקעס.

— 38 —

די דריי אלפן

אַ בריוו

טייערע און ליבע זיידע און באָבע,

אַ דאַנק אייך פאַר אייער גוטער און שיינער מתנה.

ווען קומט איר שוין צו פֿאָרן צו אונדז? איך בענק נאָך אײַך זייער שטאַרק.

עס איז מיר אומעטיק צו זיין אָן אײַך. אויב איר קומט ניט גלייך שרייבט מיר גלייך אָן אַ בריוו.

אייער אייניקל איטעלע

א ר ב ע ט 83. שרייב איבער די בריוו איז דיין העפט און שטרייך אונטער דעם אַ מיט איין פּאַסיקל, דעם אָ מיט צוויי פּאַסיקלעך און דעם שטומען אלף מיט דריי פּאַסיקלעך.

84. שרייב אויס אין דריי זייַלכלעך די ווערטער מיט אַ, אָ און מיטן שטומען אלף.

דער אַ קלאַנג ווערט באַצייכנט מיט פּתח אַלף.
דער אָ קלאַנג ווערט באַצייכנט מיט קמץ אַלף.
דער שטומער אַלף האָט אונטן ניט קיין צייכן (נקודה).

ע פּ ל ב י י מ ע ל ע

אין גאָרטן אַ ביימעלע
מיט בלימעלעך באַדעקט.
„דו וועסט אונדז געבן עפּעלעך?"
האָב איך ביי אים געפרעגט.
"איך וועל דיר געבן רויטינקע
פּיל עפּל אָן אַ צאָל,
נאָר בעט דעם בייזן ווינטעלע,

אַז ער ניט בלאָזן זאָל!"
„דו ווינטעלע, דו טייערע־!
דו בלאָזט דאָ ניט אַריין,
עס איז אַ שאָד די בלימעלעך ....
עס וועלן עפּל זיין!"

(ג. עפּשטיין)

85. אַרבעט שרייב איבער דאָס ליד און שטרייך אונטער די שטו־מע אַלפן.

86. שרייב אויס באַזונדער די ווערטער מיט אַ, מיט אָ, און מיט דעם שטומען אַלף.

87. שרייב אַז אין דריי זײַלכלעך צען ווערטער מיט אַ, צען ווערטער מיט אָ און צען מיט אַ שטומען אַלף.

ווען די וואָקאַלן ו, י, וו, יי, און ײַ, קומען אין אָנהייב וואָרט שרייבט מען פֿאַר זיי אַ **שטומען אַלף**. דער שטומער אַלף בלייבט אויך אין אַ צונויפהעפט: באַקאָוווון, הינעראַיי, מויליי־זל.

— 40 —

אַרויסגענומען דעם קאָפּ

ביי אַ ישובניק פון הינטער כעלעם האָט אַ מאָל פּאַ־סירט אַזאַ מעשה:

אַ קעלבל האָט אַריינגעשטעקט דעם קאָפּ אין אַ טאָפּ מיט עסן און נישט געקאָנט אַרויסנעמען.

— ווי נעמט מען אַרויס דעם קאָפּ פון טאָפּ? — האָט דער ישובניק געטראַכט און ניט געקאָנט צוטראַכטן.

אין דעם איז אָנגעפאָרן אַ כעלעמער, האָט ער אַזוי געראָטן:

— זייער פשוט — האַקט אָפּ ביים קעלבל דעם קאָפּ.
מען האָט אַזוי געטאָן.
— איצט צעברעכט דעם טאָפּ, וועט איר האָבן דעם קאָפּ.

(בעלעמער מעשהלע)

אַרבעט 88. שרייב איבער דאָס מעשהלע און שטרייך אונטער דעם שטומען אַלף.

89. שרייב אויס באַזונדער די ווערטער מיט אַ, מיט אָ, און מיט דעם שטומען אַלף.

ענג — ענק

— 41 —

קומט דער האַרבסט

קומט דער האַרבסט, קומט דער האַרבסט,
שטייען ביימער גרייטע;
הענגען זייערע צווייגעלעך
פול מיט עפּל רויטע.
טו איך צו די עפּעלעך
אַ גוט מאָרגן ברענגען:
„זייט איר ניט קיין שלעכטינקע
וועט איר איינס מיר שענקען".

(י. ראַווין)

אַרבעט 90. שרייב איבער דאָס ליד „האַרבסט" און שטרייך אונטער די ווערטער וואָס האָבן נאָך דעם ע, נג אָדער נק.

91. שרייב אויס פון דעם ליד „האַרבסט" די ווערטער הענגען, ברענגען, שענקען און באַמערק ווי אַזוי עס רעדט זיך אַרויס דער ע אין די דאָזיקע ווערטער.

פאַר נג און נק ווערט דער קלאַנג עי באַצייכנט מיט אַן ע.

— 42 —

אַרבעט 92. שרייב איבער די ווייטערדיקע שפּריכווערטער און שטרייך אונטער די ווערטער מיט נג און נק.

א. איטלעכער מאָרגן ברענגט זיינע זאָרגן.
ב. אַ געשענקטן פערד קוקט מען ניט אין די ציינער.
ג. אין אַ שטוב וווּ עס איז דאָ אַ געהאָנגענער, זאָגט מען נישט: הענג אויף דעם האַנטעך.
ד. אַז עס איז קיין אַנדערע מעלות נישטאָ, איז אַ זומער־שפּרענקל אויך אַ מעלה.
ה. אַ נאַרישקייט געדענקט זיך.

אַרבעט 93. שאַף זאַצן מיט די ווייטערדיקע ווערטער און שרייב זיי אַריין אין דיין העפט.

בענק, בענקען, ברענגען, געדענק, געדענ־קען, געבענקט, לענג, לענגער, קרענק, פאַרקרענקען, שענק, שענקען, שווענקען.

אנג — אַנק

— 43 —

מאַרשליד

מאַרש, מאַרש, געגאַנגען
מיט פייקן און געזאַנגען!
מיר דאַרפן ניט פרעגן
מיר ווייסן די וועגן.

(י. קאַצענעלסאָן)

א. אַ נאַר איז קראַנק אויף אַלע גלידער. (שפּריכוואָרט)
ב. גיי לאַנגזאַם, וועסטו גיכער קומען. (שפּריכוואָרט)

א ר ב ע ט 94. שרייב איבער דאָס מאַרש־ליד און שטרייך אונטער די די ווערטער מיט **אַנג.**

95. שרייב איבער די שפּריכווערטער און שטרייך אונטער די ווערטער וואָס האָבן **אַנג** אָדער **אַנק.**

96. שרייב איבער די ווערטער **געגאַנגען, געזאַנגען, קראַנק, לאַנגזאַם** און באַמערק ווי אַזוי עס רעדט זיך אַרויס ביי אייניקע קינדער דער קלאַנג **אַ.**

פאַר נג און נק, שרייבט מען אַן אַ, הגם ביי אייניקע הערט זיך אַן אַי.

א ר ב ע ט 97. שאַף זאַצן פון די וויטערדיקע ווערטער און שרייב זיי אַריין אין דיין העפט.

באַנק, געדאַנק, געזאַנג, געדראַנג, געגאַנ־גען, זאַנגען, דערלאַנגען, פאַנגען, געפאַנ־גען, דראַנג, קלאַנג, שלאַנגען, געהאַנגען.

— 44 —

ב — וו

אַ שטיקל ברויט

— מאַמע, מאַמע גיב מיר אַ שטיקל ברויט!

— גיי מיין קינד, צום בעקער, וועט ער דיר געבן אַ לעבל ברויט.

— בעקער, בעקער, גיב מיר אַ לעבעלע ברויט!

— גיי מיין קינד צום מילנער, וועט ער דיר געבן מעל, וועל איך דיר אויסבאַקן אַ לעבעלע ברויט.

— מילנער, מילנער, גיב מיר אַ ביסעלע מעל!

— גיי מיין קינד צום פּויער, וועט ער דיר געבן קאָרן,

דעם קאָרן וועל איך צעמאָלן אויף מעל, וועסטו געבן דאָס מעל דעם בעקער, וועט ער דיר אויסבאַקן אַ לעבעלע ברויט.

א ר ב ע ט 98. שרייב איבער די דערציילונג און שטרייך אונטער די ווערטער וואָס האָבן דעם ב׳ קלאַנג.

99. שרייב אויס אַלע ווערטער וואָס האָבן דעם ב׳ קלאַנג.

100. לאָמיר זיך פאַרמעסטן, ווער וועט קענען אָנשרייבן זאַצן פון פיר ווערטער און יעדעס וואָרט זאָל זיך אָנהייבן מיט אַ ב, לויטן מוסטער:

בערל בעקער באַקט בייגל.
בייזער בער ברומט ברוגזדיק.
באָבע ביילע באָרגט ברויט.

א ר ב ע ט 101. שרייב איבער די ווייטערדיקע שפּריכווערטער און שטרייך אונטער די ווערטער וואָס הייבן זיך אָן מיט אַ ב.

א. בעסער אַ רייכער שכן איידער אַן אָרעמער באַלע־באָס.

ב. בעסער אַ ביסל אַבי רעכטס.

ג. פון באָרשטש מיט ברויט ווערן די באַקן רויט.

ד. בעסער דעם שלעכטן בעקער איידער דעם בעסטן דאָקטאָר.

ה. זיי ניט ברוגז וועסטו ניט בלייבן אַליין.

— 45 —

בולבעס

זונטיק, בולבעס!
מאָנטיק, בולבעס!
דינסטיק און מיטוואָך — בולבעס!
דאָנערשטיק און פרייטיק — בולבעס!
שבת — אַ נאָווינע, אַ בולבע־קוגעלע —
זונטיק — ווייטער בולבעס.

(פאָלקסליד)

אַרבעט 102. שרייב איבער אין דיין העפט דאָס פאָלקסליד און שטרייך אונטער די ווערטער מיט אַ ב.

103. שאַף זאַצן פון די ווייטערדיקע ווערטער און פאַרשרייב זיי אין דיין העפט.

ברודער, ביסל, בויך, באַקן, ביכער, באָבע, באַקן, באַקומען, באַרג, בערן.

— 46 —

צי ווייסט איר

צי ווייסט איר ווער איך בין?
איך בין, איך בין, איך בין!
צי ווייסט איר ווער איך בין?
און באַלד וועל איך אייך זאָגן.
— זאָגט זשע, זאָגט זשע, זאָגט זשע גיכער,
— זאָגט זשע, זאָגט זשע באַלד, באַלד, באַלד!
אַ קליין מלמדל, אַ קליין מלמדל.

(פאָלקסליד)

אַרבעט 104. שרייב איבער דאָס פאָלקסליד און שטרייך אונטער די ווערטער וואָס האָבן דעם ב מיט איין פּאַסיקל און די ווערטער וואָס האָבן דעם וו מיט צוויי פּאַסיקלעך.

105. שרייב איבער באַזונדער אין צוויי זײַלכלעך די ווערטער וואָס הייבן זיך אָן מיט אַ ב און די ווערטער וואָס הייבן זיך אָן מיט צוויי וואָוון.

106. שרייב אָן צען ווערטער וואָס הייבן זיך אָן מיט װ.

107. שרייב אָן צען ווערטער וואָס האָבן איז מיטן אַ װ.

— 47 —

אַ ר ב ע ט 108. לאָמיר זיך פאַרמעסטן, ווער וועט קענען אָנשרייבן פיר־ווערטערדיקע זאַצן, וואָס יעדעס וואָרט זאָל זיך אָנהייבן מיט אַ װ. לייען מוסטער:

וויטע ווײַסערין וואַשט וועש.

ווער וויל וואַרעם וואַסער?

וואָס ווייסטו וועלוול וועגן דעם?

— 84 —

אַ ר ב ע ט 108. לאָמיר זיך פאַרמעסטן, ווער וועט קענען אָנשרייבן פיר־שטרייך אונטער די ווערטער, וואָס הייבן זיך אָן מיט אַ װ.

א. וו מען האָט דיך ליב, גיי ווייניק.

ב. דער ווייטסטער וועג איז צו דער קעשענע.

ג. וויל נאָר, וועסטו קענען!

ד. קיינער ווייסט ניט ווֶעמעס מאָרגן עס איז.

אַ ר ב ע ט 110. שאַף שאַצן פון די ווייטערדיקע ווערטער און פאַרשרייב זיי אין דיין העפט.

וואַסער, וואָס, וואָג, ווייב, ווירע, ווען, ווער, ווֶעמען, וואַשן, וואַרפן, וו, ווערן, ווערעם.

> דער ב איז אַ ליפּנקלאַנג. כדי אַרויסצוזאָגן ריכטיק דעם קלאַנג ב, דאַרפן די ליפּן זיין געשלאָסן. דער לופט־אויפרייס פון די ליפּן גיט אַרויס דעם ריכטיקן קלאַנג. כדי אַרויסצוזאָגן ריכטיק דעם װ קלאַנג, דאַרפן די אייבערשטע ציין אָנרירן די אונטערשטע ליפּ. דער לופט־אויפרייס צווישן די ציין און ליפּ גיט אַרויס דעם ריכטיקן קלאַנג.

אַ ר ב ע ט 111. שרייב איבער די ווייטערדיקע דערציילונג און שטעל אַריין אויף דעם אָרט פון די קלאַמערן אַ ב אָדער אַ וו.

איך האָ(—) געהאָלפן מאַכן אַ סוכה

אונדזער שכן (—)על(—)ל האָט זיך גענומען צו דער אַר(—)עט — (—)ויען אַ סוכה. איך האָ(—) זיך אויסגע(—)עטן (—)יי דער מאַמען, זי זאָל מיך לאָזן זיין דער(—)יי, (—)ען (—)על(—)ל (—)עט מאַכן די סוכה. (—)על(—)ל אַליין האָט מיר אויך דערלוי(—)ט. ער האָט געזאָגט אַז איך זאָל אים העלפן (—)ויען, דערלאַנגען און צוהאַלטן, (—)אָס ער (—)עט מיר הייסן.

פאַרשטייט זיך, אַז איך (—)ין פון אַזאַ געשיכטע גע(—)ען אויפן זי(—)עטן הימל. אַ קלייניקייט — איך (—)על העלפן (—)ויען אַ סוכה.

און געהאָלפן האָ(—) איך זייער אַ סך. געהאָלפן אים אונטערטראָגן אַלע מאָל דעם האַמער, דערלאַנגען די צ(—)אַנג, די טש(—)עקעס, געהאָלפן מאַכן מיט די ליפּן, (—)ען (—)על(—)ל האָט געקלאַפּט מיטן האַמער, געהאָלפן שרייען אויף די קינדער, זיי זאָלן אונדז ניט שטערן די אַר(—)עט.

און (—)ייל איך (—)ין גע(—)ען זייער פאַרטיפט אין דער אַר(—)עט, האָ(—) איך גאָרניט (—)אַמערקט, (—)י אַזוי ס'איז פאַרטיק גע(—)אָרן די סוכה.

(שלום עליכם)

א. ב ע ט 112. שרייב איבער די ווייטערדיקע זאצן און שטעל אריין אויפן ארט פון די קלאמערן א **ב** אדער א **וו**.

א. (_)אָם (_)יינסטו (_)על(_)ל? צי איז דיך (_)ייניק די (_)עלט?

ב. איך (_)אָלט (_)עלן עס (_)ידער דערלע(_)ן פון דאָס ניי.

ג. דער (_)עקער (_)אַקט, (_)רויט, (_)ייגל און (_)ולקעלעך.

ד. (_)עסער צ(_)יי מאָל פרעגן, איידער איין מאָל (_)לאָנדזשען.

ה. אַ מאָל איז גע(_)ען אַ זיידע און אַ (_)אָ(_)ע.

ו. (_)ער גייט עס (_)י אַ (_)לינדער און פרעגט (_)יינאַכט אויף קינדער.

ז. קינדער (_)יינען אין די (_)יגן און (_)ילן שטיל ניט ליגן.

ח. גאַנטע קאָזאַק (_)לאָזט זיך (_)י אַ (_)לאָזאַק.

ט. אַ (_)יסל און אַ (_)יסל (_)ערט אַ פולע שיסל.

י. די (_)עשעריך (_)אַשט (_)עש אין טייך.

ז — ס

— 51 —

אַ ר ע ט ע נ י ש

— זיידע, זיידע, טרעף אַ רעטעניש! — זאָגט זעליק צו זיין זיידן, —

אויפן פענצטער זיצט אַ קאַץ,
איז דער קאָפּ פון אַ קאַץ
און דער עק פון אַ קאַץ,
און ס'איז פאָרט ניט קיין קאַץ?

— אַ מאָדנער רעטעניש! — זאָגט דער זיידע — אי אַ קאַץ, אי ניט קיין קאַץ! היינט וואָס זשע איז דאָס?

טראַכט דער זיידע און טראַכט און קאָן ניט טרעפן.

— אוי זיידע, זיידע! לאַכט זעליק, — אַזאַ גרינגער רעטעניש און דו ווייסט ניט. ס'איז דאָך אַ קאָטער.

אַ ר ב ע ט 113. שרייב איבער דאָס מעשהלע און שטרייך אונטער אַלע ווערטער וואָס האָבן אַ ז.
שרייב אויס די ווערטער וואָס הייבן זיך אָן מיט אַ ז.

— 52 —

אַ ר ב ע ט 114. שרייב איבער די ווייטערדיקע דערציילונג און שטעל אַריין אַ ז, אָדער אַ ס אויף דעם אָרט פון די קלאַמערן.

מ ע ר ע (—) פ ל י ג

לייבעלע האָט ליב צו כאַפּן פליגן, אָפּריי(—)ן ביי (—)יי די פליגעלעך און אָפּלאָ(—)ן.

— פע, לייבל! — (—)אָגט צו אים (—)יין שווע(—)טער מערע. מען טאָר דאָ(—) ניט טאָן!

איך האָב ליב צו (—)ען, ווי (—)יי קריכן אַרום! —
(—)אָגט לייבל.

— דער פליג טוט דאָך אָבער אויך וויי, לייבל, טו(—)ט ניט גוט!

— ניט דיין (—)אַך, אַ(—)וי וויל איך!

לייבל אי(—) איינגעשפּאַרט און הערט ניט אויף.

— געדענק, לייבל, סע וועט דיך פּאַרדרי(—)ן, געדענק! די פליג וועט (—)יך מיט דיר אָפּרעכענען!

— אַ(—)וי, וואָ(—) קאָן אַ פליג אָן פליגל טאָן?

איין מאָל איז לייבל גע(—)ע(—)ן און האָט געשריבן. האָט ער איינגעטונקט די פּען אין טינט. פּלוצים — אוי וויי! פון שפּיץ פּען אי(—) אַראָפּ אַ פליג אָן פליגעלעך און געמאַכט אַ גרוי(—)ן פלעק.

האָט (—)יך לייבל (—)ייער געקלעמט.

— (—)עסטו — (—)אָגט צו אים מערע — (—)עסטו שוין, (—)י האָט (—)יך אָפּגערעכנט.

— יאָ — (—)אָגט לייבל טרויעריק.

— און אַ(—) דו ווע(—)ט מיר צו(—)אָגן מער ניט צו טאָן שלעכט(—) אַפילו אַ פליג, וועל איך דיר העלפן! — האָט מערע גע(—)אָגט.

לייבל האָט צוגע(—)אָגט.

האָט מערע גענומען די פּען און געמאַכט פונעם פלעק אַ שיינע גרוי(—)ע פליג.

(א. שטיינבאַרג)

אַ ר ב ע ט 115. שרייב אָן אין צוויי זייַלכלעך 10 ווערטער וואָס הייבן זיך אָן מיט אַ ז און 10 ווערטער וואָס הייבן זיך אָן מיט אַ ס.

116. שרייב אָן 5 זאַצן און נעם אַרייַן די ווערטער: **זאָגט, זעגט, זיסע, זויערע, זאַכן.**

— 53 —

א ר ב ע ט 117. שרייב איבער די ווייטערדיקע זאצן און שטעל אריין אויף דעם ארט פון די קלאמערן א ז אדער א ס.

א. מינע האט (—)ייער געוואלט (—)יך אוי(—)לערנען לייענען און שרייבן.

ב. די רוט וועט (—)יין א פענע, דא(—) (—)אמד — פאפיר.

ג. (—)י האט די אותיות געווי(—)ן איר פליי(—)יקער טאכטער.

ד. די קינדער (—)עצן (—)יך אויף דער (—)אפע.

ה. דער דא(—)יקער (—)פר אי(—) א (—)עלטענער עק(—)עמפלאר.

— 54 —

א. דאס נאזטיכל איז א ריינס.

ב. ער ווייזט אים דעם וועג.

ג. דער אייזקאסטן איז א נייער.

ד. דער קעזקוכן איז זייער געשמאק.

ה. דער ווינט בלאזט שטארק.

ו. ער לייזט א סך געלט.

ז. דאס הויז איז א נייס.

ח. וויש אוים דאס גלאז!

ט. דער האז לויפט אין גראז.

י. די מויז שפרינגט ארום.

יא. לאז מיך גיין שפאצירן.

יב. איך האב ליב צו עסן רייז.

אַ ר ב ע ט 118. שרייב איבער די זאַצן, שטרייך אונטער די ווערטער מיט אַ ז און באַמערק ווי אַזוי עס הערט זיך דער ז אין די ווערטער ווי **נאָזטיכל, ווייזט, קעזקוכן, בלאָזט, לייזט, הויז, האָז, מויז.**

119. שרייב אויס אַלע ווערטער וואָס האָבן אַ ז.

אָפט מאָל טרעפט, אַז דער ז ווערט געהערט ווי דער קלאַנגס, איבערהויפט פאַר אַ קאָנסאָנאַנט אָדער אין סוף וואָרט. שטענדיק אָבער דאַרף מען שרייבן אַ ז. כדי זיך צו אָריענטירן וואָס עס איז דער ספקדיקער קלאַנג, — אַ ז צי אַ ס, — דאַרף מען אַזוי איבעראַנדערשן דאָס וואָרט, אַז דער ספקדיקער קלאַנג זאָל זיך הערן דייטלעך. אויב אין איבערגעאַנדערשטן וואָרט הערט זיך אַ ז, שרייבט מען אין ספקדיקן אָרט אויך אַ ז.

— 55 —

אַ ר ב ע ט 120. שרייב איבער אין דיין העפט די ווייטערדיקע ווערטער און דערקלער פאַר וואָס מען דאַרף שרייבן אַ ז און ניט קיין ס.

ער ברויזט — ווייל ברויזן.
ער לייזט —
ער ווייזט —
ער בלאָזט —
ער שפּרייזט —
איר מוזט —

קעזקוכן — ווייל קעזל.
נאָזטיכל —
גלאָזקעסטל —
ווייזפינגער — ווייל ווייזן.
בעריאָזקעלע — ״ בעריאָזע
אייזקאַסטן — ״ אייזיקע.

אַ ר ב ע ט 121. שרייב איבער די וויטערדיקע ווערטער און דערקלער פאַר וואָס מען דאַרף שרייבן אַ מאָל אַ ז און אַ מאָל אַ ס.

דער האָז — ווייל העזל	איך האָס — ווייל האַסן
די נאָז —	איך הייס —
דער קעז —	איך בייס —
די גלאָז —	איך רייס —
די מויז — ווייל מייזל	איך שמייס —
דער קרייז —	איך ווייס —

ב — פ

— 56 —

א. אַז מען לעבט דערלעבט מען.

ב. אַ ליגנער גלייבט מען קיין מאָל ניט.

ג. שטיל וואַסער גראָבט טיף.

ד. אַז מען לעבט אָן חשבון שטאַרבט מען אָן ווידוי.

אַ ר ב ע ט 122. שרייב איבער די דאָזיקע שפּריכווערטער און שטרייך אונטער די ווערטער וואָס ענדיקן זיך אויף בט, ווי לעבט, דערלעבט, גלייבט א"א.

123. שרייב אויס באַזונדער די ווערטער וואָס דו האָסט אונטערגעשטרייכט און הער זיך צו ווי אַזוי דו רעדסט אַרויס דעם ב אין די אויסגעשריבענע ווערטער.

> אָפטמאָל הערט מען אין אַ וואָרט דעם קלאַנג פ און מען דאַרף שרייבן אַ ב. כּדי צו וויסן, ווי אויסצולייגן דעם ספקדיקן קלאַנג, דאַרף מען איבעראַנדערשן דאָס וואָרט אַזוי, אַז דער ספקדיקער קלאַנג זאָל זיך הערן דייטלעך. אויב ביים איבעראַנדערשן הערט זיך אַ ב, איז אַ סימן, אַז דאָרטן וווּ ס'איז אַ ספק, דאַרף מען אויך שרייבן אַ ב.

— 57 —

אַ ר ב ע ט 124. שרייב איבער אין דיין העפט די ווייטערדיקע ווערטער און דערקלער פאַר וואָס מען דאַרף שרייבן מיט אַ ב.

לעבט — ווייל לעבן.
גלייבט —
גראָבט —
שטאַרבט —
קלויבט —
לויבט —
שרייבט —
שאָבט —

רייבט — ווייל רייבן.
בלייבט —
ליבט —
שויב —
ריב —
שטויב —
טויב —
וויינטרויב —

8 —

אַ ר ב ע ט 125. שרייב איבער די ווייטערדיקע ווערטער און דערקלער פאַר וואָס מען דאַרף שרייבן מיט אַ פּ.

כאַפּט — ווייל כאַפּן.
קלאַפּט —
טאַפּט —
קלעפּט —
שטעפּט —
צאַפּט —
שטאָפּט —
היפּט —
זאַפּט —

ריפּ — ווייל ריפּן.
ליפּ —
קנופּ —
טיפּ —
זופּ —
קאַרפּ —
שופּ —
קנאָפּ — ווייל קנעפּל.
טאָפּ —

— 59 —

א ר ב ע ט 126. שרייב איבער די ווייטערדיקע שפּריכווערטער און שטעל אריין אַ ב אָדער אַ פּ.

א. ניט דער וואָס איז רייך לע(—)ט גליקלעך.
ב. אַז מען כאַ(—)ט ברויט מען זיך אָפּ.
ג. דער וואָס לע(—)ט פון רויב, שטאַר(—)ט ניט מיט זיין טויט.
ד. גענדז שטאָ(—)ט מען, ווייל מען דאַרף האָבן שמאַלץ.
ה. אַז מען גראָ(—)ט פאַר יענעם אַ גרו(—), פאַלט מען אַליין אַריין.
ו. אַ נאַר לוי(—)ט זיך אַליין.

ג — ק

— 60 —

א. אַ קראַנקן פרעגט מען, אַ געזונטן גיט מען.
ב. דער וואָס ליגט אויף דעם אויוון, קריגט ניט קיין בייגל.
ג. אַ בייזע צונג פירט אַרויף אויף פייער.
ד. דאָס אויג וויל מער וויפל די ציינער קענען עסן.
ה. מען מעג עסן אָבער מען טאָר ניט פרעסן.

א ר ב ע ט 127. שרייב איבער די שפּריכווערטער און שטרייך אונטער די ווערטער וואָס ענדיקן זיך מיט ג אָדער מיט גט.

128. שרייב איבער באַזונדער די ווערטער וואָס דו האָסט אונטערגעשטריכט און הער זיך צו ווי אַזוי דו לייענסט אַרויס דעם ג אין די דאָזיקע ווערטער.

אָפט מאָל הערן מיר אין אַ וואָרט דעם קלאַנג ק און מען דאַרף גאָר שרייבן אַ ג. כדי צו וויסן ווי אויסצו־לייגן דעם ספקדיקן קלאַנג, דאַרף מען איבעראַנדערשן דאָס וואָרט אַזוי, אַז דער ספקדיקער קלאַנג זאָל זיך הערן דייטלעך. אויב ביים איבעראַנדערשן הערט זיך אַ ג, איז אַ סימן אַז דאַרטן ווו ס׳איז אַ ספק, דאַרף מען אויך שרייבן אַ ג.

— 61 —

אַ ר ב ע ט 129. שרייב איבער אין דיין העפט די ווייטערדיקע ווערטער און דערקלער פאַר וואָס מען דאַרף שרייב אַ ג און נישט קיין ק.

פרעגט — ווייל פרעגן.	מעגט — ווייל מעגן.
ליגט —	זינגט.
ברענגט —	שפּרינגט —
טראָגט —	קלינגט —
וויגט —	פרעגט —
זייגט —	קלאָגט —
לייגט —	זיגט —
בייגט —	טאָגט —
זאָגט —	שלאָגט —

— 62 —

אַ ר ב ע ט 130. שרייב איבער די ווייטערדיקע ווערטער און דערקלער פאַר וואָס מען דאַרף טרייבן מיט אַ ק.

שרעקט — ווייל שרעקן.	האַקט — ווייל האַקן.
מעקט —	זאָק —
דעקט —	וועקט —
טאָקט —	באַקט —
פלעקט —	טרינקט —
זינקט —	לעקט —
בוקט —	שטריקט —
קוקט —	פליקט —

האָמאָנימען

א. דאָס פערד זינקט אין בלאָטע.

ב. דער חזן זינגט אין שול.

א. דער סטאָליער טאָקט אויס די פיסלעך פון טיש.

ב. עס טאָגט שוין!

אַרבעט 131. שרייב איבער די זאַצן און שטרייך אונטער די ווערטער־פּאָרלעך וואָס האָבן די זעלביקע קלאַנגען.

132. שרייב איבער די האָמאָנימען און דערקלער פאַר וואָס מען שרייבט אַ מאָל מיט אַ ג און אַ מאָל מיט אַ ק.

133. שרייב איבער די ווייטערדיקע זאַצן און שטעל אַריין אויף דעם אָרט פון דעם פּאַסיקל אַ ק אָדער אַ ג.

א. קין איז געווען נע ונד; ווו ער האָט געטאָ(—)ט האָט ער נישט גענעכטי(—)ט.

ב. די פיסלעך פון טיש זיינען ווי געטאָ(—)ט.

ג. די שילערין האָט פאַרפלע(—)ט דעם גאַנצן העפט.

ד. דער שילער פלע(—)ט איר העלפן מאַכן די לעקציעס.

ה. ער פאָרט ווייט אַווע(—).

ו. ער פאָרט אויף אַ ווע(—).

ז. דער פאָטער איז געווען שטאַרק פאַרזאָר(—)ט.

ח. די מאַמע האָט געבאָר(—)ט אין קרעמל.

ט. דער חבר ווינ(—)ט צו מיר.

י. קינדער, שרע(—)ט זיך ניט!

> ווערטער, וואָס האָבן די זעלביקע קלאַנגען און זיינען אין באַטייט פאַרשיידן, רופן זיך **האָמאָנימען**.

— 64 —

אַ ר ב ע ט 134. שרייב איבער די ווייטערדיקע ווערטער אין דיין העפט און דערקלער פאַר וואָס מען דאַרף שרייבן אַ ג אָדער אַ ק.

געזאַנג — ווייל געזאַנגען.	געדאַנק — ווייל געדאַנקען.
קלאַנג —	געטראַנק —
פרילינג —	פונק —
אויג —	פויק —
שטייג —	זאָק —
קלאָג —	לאָק —
וויג —	באַק —
ציג —	זאַק — ווייל זעקל.
זאָג —	פאַק —
טראָג —	באַנק —

ד — ט

— 65 —

א. ניט יעדערער וואָס באַגריסט דיך פריינדלעך איז דיינער אַ פריינד.

ב. די לאַנדקאַרטע הענגט אויף דער וואַנט.

ג. עס איז אַ זינד ניט צו העלפן אַ חבר.

ד. דער רייטער האָט אַרויסגעצויגן די שווערד פון שייד.

ה. דער שמיד וועט צושלאָגן פאָדקעוועס דעם פערד.

אַ ר ב ע ט 135. שרייב איבער די דאָזיקע זאַצן און שטרייך אונטער די ווערטער וואָס האָבן אַ ד און דער ד הערט זיך ווי דער קלאַנג ט.

136. שרייב אויס באַזונדער די ווערטער און דערקלער פאַר וואָס מען שרייבט אַ ד און ניט קיין ט.

אין מיטן וואָרט אָדער סוף וואָרט הערט מען אָפט מאָל דעם קלאַנג ט און שרייבן דאַרף מען אַ ד. אין אַזעלכע ספקדיקע פאַלן, דאַרף מען אַזוי איבעראַנדערשן דאָס וואָרט, אַז דער ספקדיקער קלאַנג זאָל זיך הערן שאַרף. אויב אין איבערגעאַנדערשטן וואָרט הערט מען דייט־לעך אַ ד, שרייבט מען אין ספקדיקן אָרט אויך אַ ד. אויב אָבער מען הערט אַ ט, שרייבט מען אין ספקדיקן אָרט אויך אַ ט.

— 66 —

אַ ר ב ע ט 137. שרייב איבער אין דיין העפט די ווייטערדיקע ווערטער און דערקלער פאַר וואָס מען שרייבט אַ ד אָדער אַ ט.

פריינדלעך — ווייל פריינדין. לאַנדקאַרטע — ווייל לענדער

שמיד —	וואַלד —
העלד —	פעלד —
זאַמד —	ראַד —
שווערד —	באַד —

— 67 —

פ ר י י נ ד — פ ר י י נ ט

פריינד הייסט אַ חבר. ער איז מיינער אַ גוטער פריינד. זי איז מיינע אַן איבערגעגעבענע פריינדין. ער באַציט זיך צו מיר פריינדלעך. די פריינדלעכע פעלקער אַמעריקע און ענגלאַנד האָבן געשלאָ־סן אַ בונד.

פריינט הייסט אַ קרוב. ער איז מיינער אַ פריינטל. מיר זיינען מיט אים שטיקלעך פריינטלעך.

פריינד — חבר, שרייבט מען מיט אַ ד.

פריינט — קרוב, שרייבט מען מיט אַ ט.

אַ ר ב ע ט 138. שרייב איבער דעם פּאַראַגראַף אין דיין העפט און שאַף דריי זאַצן מיט פריינד (אַ חבר) און דריי זאַצן מיט פריינט (אַ קרוב).

— 68 —

אַ ר ב ע ט 139. שרייב איבער די ווייטערדיקע זאַצן און שטעל אַריין אַ ד אָדער אַ ט.

א. ווײ און ווינ(—) איז צו אונדזערע שונאים.
ב. עס בלאָזט אַ שטאַרקער ווינ(—).
ג. עס איז אַ זינ(—) צו גנבענען.
ד. זינ(—) מיר זיינען חברים, האָבן מיר זיך ניט געקריגט.
ה. דאָס קליי(—) איז זייער אַ שיינס.
ו. ניט אַלע זאַכן באַקומט מען אין קליי(—).
ז. אַ ליגנער שווער(—) און מען גלייב(—) אים ניט.
ח. אויף דיין שווער(—) זאָלסטו לעבן! — איז געווען יצחקס ברכה פאַר עשון.

טס — צ, ץ.

— 69 —

א. דו היטסט זיך שטענדיק פון שלעכטע מענטשן.
ב. ער היצט זיך, ער איז אין כעס.

א. דו שיטסט מעל אין מולטער אַריין.
ב. דער אָדלער שיצט זיינע קינדער.

אַ ר ב ע ט 140. שרייב איבער די זאַצן־פּאָרלעך און שטרייך אונטער די האָמאָנימען.

141. שרייב איבער די האָמאָנימען און באַמערק וואָסערע קלאַנגען קען מען אָנשרייבן מיט פאַרשיידענע אותיות.

א ר ב ע ט 142. שרייב איבער די ווייטערדיקע ווערטער און דערקלער פאר וואס שרייבט מען א מאל מיט **טס** און א מאל מיט **צ**.

דו שיטסט — ווייל שיטן. | **גוטס — ווייל גוטער.**
ער שיצט — ווייל שיצן. | **אלטס —**
דו היטסט — | **רעכטס —**
ער היצט זיך — | **שלעכטס —**
דו טרעטסט — | **קרעכץ — ווייל קרעכצן.**

א ר ב ע ט 143. אין די ווייטערדיקע ווערטער שרייבט מען **טס**, הגם עס הערט זיך דער קלאנג **צ**.

דו בראטסט — ווייל בראטן. דו בייטסט — ווייל בייטן.
דו טרעטסט — | **דו טראכטסט —**
דו בעטסט — | **דו שעכטסט —**
דו פלעכטסט — | **דו פארריכטסט —**
דו גלעטסט — | **דו וועטסט זיך —**

— 70 —

דס — צ, ץ.

א. דו זידסט איבער דאס וואסער.
ב. ער זיצט אויף א באנק.

א. דעם שמידס טאכטער איז א שיינע.
ב. שמיץ דארף מען אים געבן.

א ר ב ע ט 144. שרייב איבער די זאצן־פארלעך און שטרייך אונטער די האמאנימען.

145. שרייב איבער די האמאנימען און באמערק וואסערע קלאנגען קען מען אנשרייבן מיט פארשיידענע אותיות.

> די ווערטער שמידס — שמיץ, זיצט — זידסט, זיינען אין קלאנג אלץ איינס. מען שרייבט זיי אבער פארשיידן צוליב זייער באטייט.

— 71 —

א ר ב ע ט 146. שרייב איבער די וויטערדיקע ווערטער און דערקלער פאר וואס מען שרייבט א **דס** און ניט קיין **צ**.

זידסט — וויל זידן. שניידסט — וויל שניידן.

גרינדסט — לײדסט —

שינדסט — באדסט —

רעדסט — שמידסט —

ווענדסט — צינדסט —

לאדסט — בינדסט —

— 72 —

א ר ב ע ט 147. שרייב איבער די וויטערדיקע זאצן און שטעל אריין אויף דעם ארט פון די קלאמערן א **דס**, א **טס** אדער א **צ**.

א. **די קא(—) וויים, וואס זי נאשט.** (שפריכווארט).

ב. **דאס איי האט א בלו(—)טראפן.**

ג. **זיפ(—)ן און קרעכ(—)ן צעברעכן א האלבן גוף פון דעם מענטשן.** (שפריכווארט).

ד. **דו רע(—)ט צופיל וועגן דיין ברודער.**

ה. **ער הי(—)ט זיך צופיל.**

ו. **דעם הונ(—) בילעריי הערט מען פון וויטן.**

ז. **דאס איז מיין פריינ(—) הויז.**

ח. **זאג ניט הא(—), ביז דו ביסט ניט אריבערגעשפרונגען דעם קלאץ.**

ט. **דו ווענ(—)ט זיך צו אים נאך אן עצה.**

י. **דו בא(—)ט זיך אין טאנק.**

ד. דער סובסטאַנטיוו

דער סובסטאַנטיוו אין זאַץ

— 73 —

וואָס יעדערער וויל

אַ קיעלע זאָגט: גראָז איז זיס!
אַ וועווערקע זאָגט: גיט מיר ניס!

דאָס פֿישעלע וויל: אַ וואַסערל טיף!
דאָס קעלבעלע וויל: אויף דער לאָנקע אַ שטיף!

אַ פֿערדעלע זאָגט: היי איז געשמאַק!
אַ מייזעלע זאָגט: מעל אַ זאַק!

אַ פֿייגעלע זאָגט: אַ ברעקעלע קליין!
אַ הינטעלע זאָגט: וואַרפֿט מיר אַ ביין!

דאָס אָדלערל וויל: דעם הימל בלוי!
דאָס בלימעלע וויל: אַ טראָפּן טוי!

יעדערער וויל, וואָס אים געפֿעלט.
דאָס מענטשעלע וויל די גאַנצע וועלט.

(יצחק קאַצענעלסאָן)

אַרבעט 148. שרייב אויס די נעמען פֿון די לעבעדיקע זאַכן.
149. שרייב אויס די נעמען פֿון די ניט־לעבעדיקע זאַכן.

— 74 —

גרינוואַרג

געקומען די מאַמע פון מאַרק מיט אַ גוטס און אַ האָב:
קאַרטאָפל און אַרבעס און מערן און קראָפּ,
סעלעריע און פּעטרעשקע, קרוטשקע און באָב.
איי, איז אַוועק ביי זיי אַ קריגעריי,
איז אַוועק ביי זיי אַ רייסעריי,
ווער עס איז גרעסער און ווער עס איז קלענער
ווער עס איז בעסער און ווער עס איז שענער —
קאַרטאָפל צי אַרבעס? צי מערן? צי קראָפּ?
סעלעריע צי פּעטרעשקע? קרוטשקע צי באָב?
אַך! סאַראַ טומל זיי האָבן געמאַכט!
האָט גענומען די מאַמע, מיטן מעסער־צי־אַק! —
צעבראָקט און צעשניטן צוזאַמען
קאַרטאָפל און אַרבעס און מערן און קראָפּ,
סעלעריע און פּעטרעשקע, קרוטשקע און באָב,
און — אין טאָפּ!

אַ ר ב ע ט 150. שרייב איבער דאָס ליד אין דיין העפט.
151. שרייב אויס די נעמען פון די גרינסן.
152. שרייב אויס די נעמען פון אַנדערע גרינסן, וואָס דו ווייסט.
153. שרייב אויס צען נעמען פון אַנדערע זאַכן.

די ווערטער וואָס באַטייטן נעמען פון זאַכן, רופן זיך **זאַכווערטער** אָדער **סובסטאַנטיוון.**

אַ ר ב ע ט 154. שרייב אָן צען סובסטאַנטיוון וואָס באַצייכענען נעמען פון מעבל.
155. שרייב אָן צען סובסטאַנטיוון וואָס באַצייכענען נעמען פון מלבושים.
אַ ר ב ע ט 156. שרייב אָן אַנדערע 20 סובסטאַנטיוון.

— 75 —

גאַנטע קאָזאַק

ווער גייט עס ווי אַ בלינדער,
און פרעגט ביינאַכט אויף קינדער,
וואָס וויינען אין די וויגן
און ווילן שטיל ניט ליגן?

— דאָס איז דאָך גאַנטע קאָזאַק,
וואָס בלאָזט זיך ווי אַ בלאָזזאַק,
און גייט אין רויטע הויזן,
און טראָגט אַ האַק אַ בלויזן.

ער האָט צוויי הויקער־פּלייצעס,
און עסט אויף צוועלף המוציאס,
און טרינקט פון דרייצן גלעזער,
און האָט דריי לאַנגע נעזער.

צוויי הענט צו זיבן פינגער,
דריי קעפּ מיט ניין צינגער,
זעקס וואָנצעס לאַנג און שפּיציק,
צוועלף אויגן, רויט און בליציק.

צוויי פיס צו דרייסיק איילן,
און ווינט אין טיפע היילן,
און ווי עס קומט ביינאַכט נאָך,
און מיר און לאָדן פאַרמאַכט נאָר,

דאַן נעמט ער האַק און מעסער,
און שאַרפט זיי גוט און בעסער,
פאַרוואַרפט זיי אויף די פּלייצעס,
שפּאַנט איין דריי וועלף אָן לייצעס.

פאַרויס צוויי גראָבע דייטשן,
צוויי שלאַנגען פאַר צוויי בייטשן,
צוויי בערן פון ביידע זייטן,
און לאָזט פון וואַלד זיך רייטן.

און ווי ער קומט צום שטעטל,
נעמט ער אַרויס אַ צעטל
און לייענט ווי אַ בלינדער
די נעמען פון די קינדער,

וואָס וויינען אין די וויגן
און ווילן שטיל ניט ליגן.

דאַן עפנט ער די טאָרבע,
און גיט פון פלאַש אַ שאָרבע
און לאָזט זיך גיין געבויגן
מיט זוכנדיקע אויגן:

(מ. באסין)

אַ ר ב ע ט 157. שרייב איבער דאָס ליד און שטרייך אונטער די סובס־
טאַנטיוון.

158. שרייב איבער אַלע סובסטאַנטיוון איז מערצאָל און גע־
פין זייער איינצאָל.

ביישפּיל:

קינדער — קינד.

וויגן — וויג.

א ר ב ע ט 159. שרייב אָן די וויטערדיקע סובסטאַנטיוון אין מערצאָל.

טיש — טישן.
שטול —
בעט —
לאָמפּ —
באַק —
אויג —

קינד — קינדער.
רינד —
ווייב —
לייב —
בעזעם —
ברעט —

שלאַנג — שלאַנגען.
געזאַנג —
זאַנג —
שפּין —
ברעם —
בלום —

מעסער — מעסערס.
אייזקאַסטן —
אויוון —
זייגער —
טינטער —
וואָלקן —

א ר ב ע ט 160. שרייב אָן די וויטערדיקע סובסטאַנטיוון אין מערצאָל.

סטענגע — סטענגעס.
סאָפּע —
שאַפע —
לאָפּעטע —
מומע —
מאַמע —

טעפּל — טעפּלעך.
קעפּל —
טישל —
זייגערל —
ביכל —
יינגל —

רעמעלע — רעמעלעך.
מיידעלע —
הייזעלע —

טישעלע — טישעלעך.
בעטעלע —
קעצעלע —

אַ ר ב ע ט 161. שרייב אָז די וויטערדיקע סובסטאַנטיוון אין מערצאָל.

האַנט — הענט.	בוך — ביכער.
וואַנט	טוך —
באַנד —	הון —
גאַנדז —	גרוב —
טאַנץ —	רוט —
קאַץ —	ברודער —
זאַק —	שטוב —
נאַכט —	לאַנד — לענדער.
באַנק —	וואַלד —

שוך — שיך.	חזן — חזנים.
נוס —	נאַר —
פוס —	תלמיד —
זון —	חכם —
קו —	שכן —
הונט —	קרוב —

אַ ר ב ע ט 162. שרייב אָז פינף סובסטאַנטיוון מיט דער ענדונג — ן, — ען.

163. שרייב אָז פינף סובסטאַנטיוון מיט דער ענדונג — ס, — עס.

164. שרייב אָז פינף סובסטאַנטיוון מיט דער ענדונג — ער.

אַ הינטל און אַ הונט

מיט אַ גרויסן באַגאַזש
קומט אַ דאַמע צום באַן:
אַ קערבל, אַ קעסטל,
אַ קליין טשעמאָדאַן,
אַ פּעקל, אַ זעקל,
אַ פּודעלע גרויס ווי אַ פּינטל
און אַ קליינעם הינטל.
ט׳דאָס גענומען אַ מענטש
מיט אַ בלעך אויפן היטל
און ט׳געגעבן אַ גרינעם
געשטעמפּלטן קוויטל.
די באַן גיט אַ פייף און נעמט פאָרן.
און דאָס הינטל — אַ ביל
און אַ שפּרונג, און פאַרלאָרן.
ווערט אַ גרויסער קוראַזש
און מען ציילט דעם באַגאַזש:
אַ קערבל, אַ קעסטל, אַ קליין טשעמאָדאַן
אַ פּעקל, אַ זעקל,
אַ פּודעלע גרויס ווי אַ פּינטל.
נאָר וווּ איז דאָס הינטל?

(קאַדיע מאָלאָדאָווסקי)

אַ ר ב ע ט 165. שרייב: איבער דאָס ליד און שטרייך אונטער די סובסטאַנטיוון.

166. שרייב אויס די סובסטאַנטיוון און געפין זייער מערצאָל. ביישפּיל: באַגאַזש — באַגאַזשן. דאַמע — דאַמען. אאַ״וו.

— 78 —

אַ ר ב ע ט 167. שטעל איבער די ווייטערדיקע זאַצן פון איינצאָל אין מערצאָל.

א. אַ קאַרגער מענטש ליגט אויף דעם געלט ווי אַ הונט אויף אַ ביין.
ב. אַ שעמעוודיקער תּלמיד קען זיך ניט אויסלערנען.
ג. דער פוילער שילער ווערט פלייסיק בעת אַנדערע גייען שלאָפן.
ד. פאַר אַן אייגן קינד איז אַ מאַמע בלינד.
ה. דער מענטש וואָס איז פויל, האָט ניט אין מויל.
ו. אויף אַ פרעמדער באָרד איז זיך גוט צו לערנען שערן.
ז. אין שיסל קען ניט זיין מער ווי אין טאָפּ.

— 79 —

אַ ר ב ע ט 168. שטעל איבער די ווייטערדיקע שפּריכווערטער פון מער־צאָל אויף איינצאָל.

א. צייטן בייטן זיך.
ב. נאַראָנים האָבן ליב זיסע זאַכן.
ג. משוגענע שלאָגן יענעם די פענצטער.
ד. חזנים זיינען נאַראָנים.
ה. ליידיקע פעסער מאַכן אַ גרויסן ליאַרעם.
ו. די חכמים בויען.
ז. קליינע קינדער זיינען שפּילכלעך, גרויסע קינדער — מילכלעך.
ח. פרעמדע קליידער וואַרעמען ניט.

אַרבעט 169. שרייב איבער דאָס ליד און שטעל אַוועק איינצאָל אָנ-שטאָט מערצאָל.

האָב איך אַ פּאָר (אָקס), (אָקס)

האָב איך אַ פּאָר (אָקס), (אָקס),
וואָס זיי בראָקן (לאָקש), (לאָקש).
אַך, וואונדער איבער וואונדער,
ווי די (אָקס) בראָקן (לאָקש)
דאָס איז מיר אַ וואונדער.

האָב איך אַ פּאָר (בער), (בער),
וואָס זיי (שטוב) קערן, קערן.
אַך, וואונדער איבער וואונדער,
ווי די (בער) (שטוב) קערן
ווי די (אָקס) בראָקן (לאָקש).
דאָס איז מיר אַ וואונדער.

האָב איך אַ פּאָר (הונט), (הונט),
וואָס זיי מאַכן טינט, טינט.
אַך, וואונדער איבער וואונדער,
ווי די (הונט) מאַכן טינט,

ווי די (בער) (שטוב) קערן...
האָב איך אַ פּאָר (ציג), (ציג),
וואָס זיי (קינד) וויגן, וויגן.
אַך, וואונדער איבער וואונדער,
ווי די (ציג) (קינד) וויגן,
ווי די (הונט) מאַכן טינט...

האָב איך אַ פּאָר (טויב), (טויב),
וואָס זיי נייען (הויב), (הויב).
אַך, וווּנדער איבער וווּנדער,
ווי די (טויב) נייען (הויב),
ווי די (ציג) (קינד) וויגן...

האָב איך אַ פּאָר (האָן), (האָן),
וואָס זיי קלייבן (שפּאָן), (שפּאָן).
אַך, וווּנדער איבער וווּנדער,
ווי די (האָן) קלייבן (שפּאָן),
ווי די (טויב) נייען (הויב).

(פֿאָלקסליד)

— 81 —

אַ ר ב ע ט 170. שרייב איבער דאָס ליד און שטעל אַוועק רייצאָל אַנ־
שטאָט איינצאָל.

ש י י ן ב י ן א י ך, ש י י ן!

אַ שיין מיידעלע בין איך,
בלויע (זעקעלע) טראָג איך,
געלט אין די (טאַש),
ווייַן אין די (פֿלאַש),

מעד אין די (קריגעלע),
(קינד) אין די (וויגעלע),
שרייען ווי די (ציגעלע):
מע, מע, מע!

(פֿאָלקסליד)

— 82 —

אַ ר ב ע ט 171. שרייב איבער דאָס ליד און שטעל אַוועק מערצאָל אַנ־שטאָט איינצאָל.

אַ ר ע ג ן

קינדערלעך, אוי קינדערלעך,
אַ רעגנדל גאָר וווּנדערלעך,
שמעקנדיקע (טראָפּעלע),
אַ רעגנדל איז גאָטס גנאָד.
קומט אַרויס און טאַנצט אַ ראָד
מיט בלויזע (פוס) און (קעפּעלע).

נאָר נישט קלערן, נאָר נישט פרעגן,
(קינד) וואַקסן אויפן רעגן,
ווי די (בלום), ווי די (זאַנג),
נאַקעטע (קעפּל), נאַקעטע (פוס) —
וואַקסט פון יעדן קינד אַ ריז,
ביזן הימל צו דערלאַנגען.

— 83 —

אַ ר ב ע ט 172. שרייב איבער דאָס ליד און שטעל אַוועק מערצאָל אַנ־שטאָט איינצאָל.

ו ו ו י ל

פון דער ערד די (גרעזעלע)
רוקן שאַרפע (נעזעלע)
לויפן זונען־(העזעלע)
לויפן אום און שווייגן.

און אויף אַלע (בייטעלע)
בליען שטילע (קווייטעלע)
(אַרבעסל) און (שייטעלע)
(עפּעלע) אויף (צווייג).

> איז אַ זאַך קען מען ריידן וועגן איין זאַך און מען קען ריידן וועגן מער זאַכן.
> אויב דער סובסטאַנטיוו איז איינער, זאָגט מען, אַז ער איז אין **איינצאָל**.
> אויב ער איז מער ווי איינער זאָגט מען, אַז ער איז אין **מערצאָל**.

מ י ן

— 84 —

א. דער טאַטע אַרבעט.
דער ברודער לערנט.
דער זיידע שפּאַצירט.
דער לייב ברומט.

ב. די מאַמע באַקט.
די שוועסטער זינגט.
די באָבע שטריקט.
די הון לייגט אייער.

א ר ב ע ט 173. שרייב איבער די דאָזיקע זאַצן און שטעל צו צו זייל „אַ“ פינף זאַצן מיטן אַרטיקל **דער**, און צום זייל „ב“ פינף זאַצן מיטן אַרטיקל **די**.

174. שרייב אויס באַזונדער די סובסטאַנטיוון פון מענלעכן געשלעכט. (וואָס לעבן זיי שטייט דער אַרטיקל ד ע ר).

175. שרייב אויס באַזונדער די סובסטאַנטיוון פון ווייבלעכן געשלעכט. (וואָס לעבן זיי שטייט דער אַרטיקל ד י).

> סובסטאַנטיוון וואָס באַצייכענען לעבעדיקע באַשעפעניש פון **מענלעכן געשלעכט** געהערן צום **מענלעכן מין** און קומען מיטן אַרטיקל **דער**.
> סובסטאַנטיוון וואָס באַצייכענען לעבעדיקע באַשעפעניש פון **ווייבלעכן געשלעכט** געהערן צום **ווייבלעכן מין** און קומען מיטן אַרטיקל **די**.

דער לייב און די מויז

אײן מאָל איז דער לייב געשלאָפן. איז איבער אים אַריבערגעלאָפן די מויז.

דער לייב האָט זיך אויפגעכאַפּט, געכאַפּט די מויז און געוואָלט זי אויפעסן.

— האָב רחמנות! — האָט די מויז זיך גענומען בעטן — לאָז מיך לעבן! איך וועל דיר דערפאַר אָפּטאָן אַ טובה.
דער לייב האָט אַ שמייכל געטאָן און זי אָפּגעלאָזן.

אין אַ קורצער צייט אַרום איז אָבער דער לייב געפאַנגען געוואָרן און דער יעגער האָט אים צוגעבונדן מיט אַ שטריק צו אַ בוים.

דער לייב האָט אָנגעהויבן צו ברומען. גלייך איז געקומען די מויז, זי האָט איבערגעגריזשעט די שטריק און דער לייב איז באַפרייט געוואָרן.

— דו האָסט פריער געלאַכט פון מיר — האָט די מויז געזאָגט צום לייב — דו האָסט געמיינט, אַז איך וועל דיר שוין קיין מאָל ניט קענען אָפּטאָן קיין טובה. זײַ וויסן, אַז די מויז געדענקט אויך אַ טובה.

(עזאָפּ)

א ר ב ע ט 176. שרייב איבער דאָס מעשהלע און שטרייך אונטער די סובסטאַנטיוון פון מענלעכן מין (מיטן אַרטיקל **דער**) מיט איין פּאַסיקל און די סובסטאַנטיוון פון ווייבלעכן מין (מיטן אַרטיקל **די**) מיט צוויי פּאַסיקלעך.

— 86 —

א. דער טיש שטייט.
דער זייגער הענגט.
דער שטול איז צעבראָכן.
דער אויוון ברענט.

ב. די בעט איז ברייט.
די שאַפע איז פול מיט מלבושים.
די באַנק איז אַ האָלצערנע.
די טיר איז אָפן.

אַ ר ב ע ט 177. שרייב איבער די דאָזיקע זאַצן און שטעל צו צום זייל א פינף זאַצן מיטן אַרטיקל **דער** און צום זייל ב פינף זאַצן מיטן אַרטיקל **די**.

178. שרייב אָן צען סובסטאַנטיוון פון מענלעכן מין מיטן אַרטיקל **דער** און צען פון ווייבלעכן מין מיטן אַרטיקל **די**.

> אויך ניט לעבעדיקע זאַכן קענען געהערן צום מענלעכן אָדער צום ווייבלעכן מין. די סובסטאַנטיוון וואָס מען גיט צו זיי צו דעם אַרטיקל **דער** געהערן צום **מענלעכן** מין.
>
> די סובסטאַנטיוון וואָס מען גיט צו זיי צו דעם אַרטיקל **די** געהערן צום **ווייבלעכן** מין.

— 87 —

א. דאָס קינד שפּילט זיך.
ב. דאָס אייניקל גייט שוין.
ג. דאָס ווייב פּוצט זיך.
ד. דאָס בוך איז אַ נייס.

אַ ר ב ע ט 179. שרייב איבער די דאָזיקע זאַצן און שטעל צו נאָך פינף זאַצן מיטן אַרטיקל **דאָס**.

180. שרייב איבער באַזונדער די סובסטאַנטיוון וואָס באַצייענען לעבעדיקע באַשעפענישן.

181. שרייב איבער באַזונדער די סובסטאַנטיוון וואָס באַצייענען ניט לעבעדיקע זאַכן.

עס זיינען פאַראַן סובסטאַנטיוון, וואָס מען גיט צו צו זיי דעם אַרטיקל **דאָס**.
די סובסטאַנטיוון געהערן צום **מיטלען מין**.
יעדער סובסטאַנטיוו מוז געהערן צו איינעם פון די דריי מינים: צום **מענלעכן, ווייבלעכן** אָדער **מיטלען** מין.

— 88 —

געדענקט איר דאָס ליד **וואָס יעדערער וויל**. לאָמיר עס נאָך אַ מאָל איבערחזרן.

דאָס קיעלע זאָגט: גראָז איז זיס!
דאָס וועווערקעלע זאָגט: גיט מיר ניס!
דאָס פישעלע וויל: אַ וואַסערל טיף!
דאָס קעלבעלע וויל: אויף דער לאָנקע אַ שטיף!
דאָס פערדעלע זאָגט: היי איז געשמאַק!
דאָס מייזעלע זאָגט: מעל אַ זאַק!
דאָס פייגעלע זאָגט: אַ ברעקעלע קליין!
דאָס הינטעלע זאָגט: וואַרפט מיר אַ ביין!
דאָס אָדלערל וויל: דעם הימל בלוי־
דאָס בלימעלע וויל: אַ טראָפן טוי!
יעדערער וויל, וואָס אים געפעלט.
דאָס מענטשעלע וויל די גאַנצע וועלט.

(יצחק קאַצענעלסאָן)

אַ ר ב ע ט 182. שרייב איבער דאָס ליד און צייכן אונטער די סובסטאַנטיוון מיטן אַרטיקל **דאָס**.

183. שרייב אויס באַזונדער די סובסטאַנטיוון מיטן אַרטיקל **דאָס** און דערקלער פאַר וואָס שטייט אומעטום דער אַרטיקל **דאָס** און ניט **דער** אָדער **די**.

— 89 —

אַ ר ב ע ט 184. שרײַב איבער די װײַטערדיקע סובסטאַנטיװן אין דער פֿאַרקלענער־פֿאָרעם.

דער מענטש — דאָס מענטשל — דאָס מענטשעלע.
דער פֿיש —
די קאַלב —
דער טיש —
די באַנק —
דער הונט —
די קאַץ —
דאָס בוך —
דאָס בילד —

> די פֿאַרקלענער־פֿאָרמען געהערן שטענדיק צום מיטעלן מין.

— 90 —

אַ ר ב ע ט 185. שטעל צו צו די װײַטערדיקע סובסטאַנטיװן דעם אַרטיקל **דער, די** אָדער **דאָס.**
טאַטע, מאַמע, זיידע, באָבע, שװעסטער, ברודער, מומע, פֿעטער, פּלימעניק, פּלימעניצע, קוזין, קוזינע, שוסטער, שנײַדער, שנײַדערין, נײַטערין, סטאָליער, רבי, רביצין, לערער, לערערין, קינד, אייניקל, װײַב, יינגעלע, מיידעלע, חבר, חברטע.

אַ ר ב ע ט 186. שטעל צו צו די װײַטערדיקע סובסטאַנטיװן דעם אַרטיקל **דער, די,** אָדער **דאָס.**
טיש, בעט, מעסער, שטול, סאָפע, שאַפֿע, לײַכטער, בוך, זייגער, טיר, פֿענצטער, קאָפּ, האַנט, פֿוס, פֿינגער, נאָז, אויג, טאָפּ, עמער, טעלער, שיסעלע, לעפֿעלע, גאָפּל.

אַ ר ב ע ט 187. שרייב איבער די ווייטערדיקע סובסטאַנטיוון אין דער פאַרקלענער־פאָרעם און שטעל צו דעם אַרטיקל לויטן מוסטער:

דער טיש — דאָס טישל — דאָס טישעלע.
דאָס בילד —
דאָס ליכט —
די שער —
דער בער —
די בעט —
די וויג —
דאָס פערד — דאָס פערדל — דאָס פערדעלע.
דער בריוו —
די טיר —
דאָס קלייד —
די ציג —
די קיך —
דער ווינט —

אַ ר ב ע ט 188. שרייב איבער די ווייטערדיקע סובסטאַנטיוון אין דער פאַרקלענער־פאָרעם און שטעל צו דעם אַרטיקל לויטן מוסטער:

די האַנט — דאָס הענטל — דאָס הענטעלע.
די באַרשט —
דער קאַם —
דער פאָרהאַנג —
די באַק —
די קאַץ —

די טאַץ — דאָס טעצל — דאָס טעצעלע.

די גאַס —

די באַנק —

די וואַנט —

די ראַם —

אַ ר ב ע ט 189. שרייב איבער די ווייטערדיקע סובסטאַנטיוון אין דער פאַרקלענער־פאַרעם און שטעל צו דעם אַרטיקל לויטן מוסטער:

דער האָז — דאָס העזל — דאָס העזעלע.

די ראָד —

די באָרד —

די קאָרט —

דער טאָרט —

דער קאָפּ —

דער טאָפּ —

דער לאָמפּ —

די נאָז —

דאָס גראָז —

דער דראָט —

אַ ר ב ע ט 190. שרייב איבער די ווייטערדיקע סובסטאַנטיוון אין דער פאַרקלענער־פאַרעם און שטעל צו דעם אַרטיקל לויטן מוסטער:

די רוט — דאָס ריטל — דאָס ריטעלע.

דער נוס —

דער הונט —

דער שוך —

דער פּוס —

דאָס בוך — דאָס ביכל — דאָס ביכעלע.
דאָס טוך —
דער קרוג —
די בלום —
די הון — דאָס הינדל — דאָס הינדעלע.

אַ ר ב ע ט 191. שרייב איבער די ווייטערדיקע סובסטאַנטיוון אין דער פאַרקלענער-פאָרעם און שטעל צו דעם אַרטיקל לויטן מוסטער:

דער בוים — דאָס ביימל — דאָס ביימעלע.
דאָס איינ —
דאָס ברויט —

די מויז — דאָס מייזל — דאָס מייזעלע.
דאָס הויז —
די טויב —

אַ ר ב ע ט 192. שרייב איבער די ווייטערדיקע סובסטאַנטיוון אין דער פאַרקלענער-פאָרעם און שטעל צו דעם אַרטיקל לויטן מוסטער:

די פען — דאָס פענדל.
דער באַלאָן —
דער ביין —
דער שטערן —
דער טעלעפאָן —
די מאַשין —

דער זייגער — דאָס זייגערל
דער לייכטער —
דאָס מעסער —
דער טינטער —
דער שוסטער —
דאָס פענצטער —

אַ ר ב ע ט 193. שרייב איבער די ווייטערדיקע סובסטאַנטיוון אין דער פאַרקלענער-פאָרעם און שטעל צו דעם אַרטיקל לויטן מוסטער:

די מאַמע — דאָס מאַמעלע　　די שול — דאָס שולכל
דער טאַטע —　　די מיל —
די מומע —　　דאָס שפּיל —
די באָבע —　　די שאַל —
דער זיידע —　　דער קנויל — דאָס קנײלכל.

— 92 —

אַ ר ב עט 194. שרייב איבער די ווייטערדיקע שפּריכווערטער און שטעל אַריין דעם אַרטיקל **דער**, **די** אָדער **דאָס**.

א. אַז (—) קאַץ וואַשט זיך וועלן קומען געסט.
ב. (—) איבערשטע קלייד פאַרדעקט אַלע לייד.
ג. (—) קאַרגער עסט יויך מיטן גאָפּל און שאָקלט נאָך אָפּ.
ד. (—) חכם בויט, (—) נאַר צעשטערט.
ה. אַ חסרון (—) כלה איז צו שיין.
ו. (—) זאַטער גלייבט ניט דעם הונגעריקן.
ז. (—) שטילע וואַסער גראָבט טיף.
ח. (—)פרעמדער פּעלץ וואַרעמט ניט.
ט. (—) גוטער מאָנער איז אַ שלעכטער צאָלער.
י. (—) חכם עסט, כדי ער זאָל לעבן. (—) דער נאַר לעבט, כדי ער זאָל עסן.

— 93 —

אַרבעט 195. שרייב איבער דאָס ווייטערדיקע מעשהלע און שטעל אַריין דעם אַרטיקל **דאָס** אָדער **דער**.

(—) קעלבל און (—) אָקס

(—) קעלבל האָט דערזען אַן אָקס ביי אַ שווערער אַרבעט און האָט געהאַט אויף אים גרויס רחמנות.

— מיר איז גוט — האָט זיך (—) קעלבל געטראַכט,
— איך דאַרף ניט האָרעווען אַזוי שווער.

נאָר אָט איז געקומען ערב יום־טוב. (—) אָקס איז זיך אַרויסגעגאַנגען אויף פּאַשע און (—) קעלבל האָט מען געפירט שעכטן.

(—) דער אָקס האָט אַ קוק געטאָן אויפן קעלבל און האָט געזאָגט:

— דערפאַר האָט מען דאָס דיך ניט געניים צו אַר־בעטן, ווייל מ'האָט דיך באַשטימט אויף צום שעכטן.

(עזאָפּ)

— 94 —

אַרבעט 196. שרייב איבער דאָס מעשהלע און שטעל אַריין דעם אַר־טיקל **דער** אָדער **די**.

(—) פּאַסטעך און (—) ציג

אַ מאָל האָט (—) ציג זיך פאַרעקשנט און ניט גע־וואָלט גיין מיט דער טשערעדע. (—) פּאַסטעך איז אין כעס געוואָרן, האָט אַ וואַרף געטאָן אויף איר אַ שטיין און האָט צעבראָכן איר אַ האָרן.

ווען (—) פֿאַסטעך האָט דערזען דעם צעבראָכענעם האָרן האָט ער זיך זייער דערשראָקן.

— זע טייערינקע — האָט (—) פֿאַסטעך זיך אָנגע־היבן בעטן ביי דער ציג — דערצייל ניט דעם באַלעבאָס!

— נאַרישער פֿאַסטעך! — האָט אים (—) ציג געענט־פֿערט — צי דען פֿאַרשטייסטו ניט, אַז אויב איך וועל אַפֿילו שווייגן, וועט דאָך (—) צעבראָכענער האָרן מיי־נער דערציילן (—) גאַנצע מעשה.

(עזאָפּ)

אַרבעט 197. שרייב אַז צען סובסטאַנטיוון מיטן אַרטיקל דער.

198. שרייב אַז צען סובסטאַנטיוון מיטן אַרטיקל די.

199. שרייב אַז צען סובסטאַנטיוון מיטן אַרטיקל דאָס.

סובסטאַנטיוון פֿון מענלעכן און ווייבלעכן מין

— 95 —

א. דער טאָוול איז אַ שוואַרצער.

ב. דער האָגל קלאַפּט זייער שטאַרק.

ג. דער פֿויגל פֿליט.

ד. דער קעמל קניט.

ה. דער בייגל איז געשמאַק.

ו. דער נאָגל וואַקסט שנעל.

ז. דער מאַנטל איז צו לאַנג.

ח. דער שטיוול גלאַנצט.

ט. דער קנאָבל שמעקט גוט.

אַרבעט 200. שרייב איבער די דאָזיקע זאַצן און שטרייך אונטער די סובסטאַנטיוון.

201. צעטייל די סובסטאַנטיוון אויף טראַפּן און באַמערק די צאָל טראַפּן.

202. צי האָט דער צווייטער טראַף אַ וואָקאַל?

203. פאַר וואָס הייסט דער למד פון דעם צווייטן טראַף — טראַפּיקער למד?

204. פון וואָסער מין זיינען די סובסטאַנטיוון?

צוויי- אָדער מער־טראַפּיקע סובסטאַנטיוון וואָס ענדיקן זיך אויף אַ **טראַפּיקן למד** און זיינען ניט קיין דע־מינוטיוון געהערן צום **מענלעכן** מין.

— 96 —

א. דער שטערן לייכט.
ב. דער קאַסטן איז פול.
ג. דער שליטן שליטלט זיך שנעל.
ד. דער קוכן איז געשמאַק.
ה. דער רעגן גיסט שטאַרק.
ו. דער שאָדן איז גרויס.
ז. דער בויגן שיסט ווייט.
ח. דער האָרן איז צעבראָכן.

ארבעט 205. שרייב איבער די דאָזיקע זאַצן און שטרייך אונטער די סובסטאַנטיוון.

206. צעטייל די סובסטאַנטיוון אויף טראַפּן און באַמערק די צאָל טראַפּן.

207. פאַר וואָס הייסט דער נון פון צווייטן טראַף — טראַ־פּיקער נון?

208. פון וואָסער מין זיינען די סובסטאַנטיוון?

צוויי- אָדער מער־טראַפּיקע סובסטאַנטיוון וואָס ענדיקן זיך אויף אַ טראַפּיקן -ן געהערן צום **מענלעכן** מין.

— 97 —

א. דער פּאָדעם איז אַ זײדענער.

ב. דער װאָרעם קריכט פּאַמעלעך.

ג. דער ליאַרעם איז גרױס.

ד. דער טורעם שטײגט זײער הױך.

ה. דער בעזעם קערט גוט.

ו. דער באַגינען איז אַ שײנער.

ז. דער קױמען רײכערט שטאַרק.

אַ ר ב ע ט 209. שרײב איבער די זאַצן און שטרײך אונטער די סובס־טאַנטיװן.

210. צעטײל די סובסטאַנטיװן אױף טראַפּן און באַמערק די לעצטע צװײ אותיות פֿון דעם צװײטן טראַף.

211. צו װאָסער מין געהערן די דאָזיקע סובסטאַנטיװן?

— 98 —

א. דער טעאַטער איז געפּאַקט.

ב. דער האַמער שלאָגט שטאַרק.

ג. דער זומער איז אַ הײסער.

ד. דער װינטער איז אַ קאַלטער.

ה. דער טײסטער װאַקסט אין דער דיק.

ו. דער עמער איז צעלעכערט.

ז. דער אַקער גלאַנצט.

אַ ר ב ע ט 212. שרײב איבער די זאַצן און שטרײך אונטער די סובס־טאַנטיװן.

213. צעטײל די סובסטאַנטיװן אױף טראַפּן און באַמערק די לעצטע צװײ אותיות פֿון דעם צװײטן טראַף.

214. צו װאָסער מין געהערן די דאָזיקע סובסטאַנטיװן.

> צװײ־ אָדער מער־טראַפּיקע סובסטאַנטיװן װאָס ענדיקן זיך אױף ־עם, ־ען און אױף ־ער געהערן צום **מענ־לעכן** מין.

— 99 —

א. די טעקע איז אַ לעדערנע.
ב. די שאַפע שטייט אָפן.
ג. די סאָפע איז אַ ווייכע.
ד. די הוידע וויגט זיך.
ה. די פענע שרייבט גוט.
ו. די קאַסע איז פאַרמאַכט.
ז. די קאָסע בלאַנקט.
ח. די אַקאַציע שמעקט.

א ר ב ע ט 215. שרייב איבער די דאָזיקע זאַצן און שטרייך אונטער די סובסטאַנטיוון.

216. שרייב אויס באַזונדער די סובסטאַנטיוון און באַמערק וואָסער טראָף ווערט אַקצענטירט.

217. וואָסער ענדונג האָבן די סובסטאַנטיוון?

218. צו וואָסער מין געהערן די סובסטאַנטיוון?

אַלע סובסטאַנטיוון וואָס ענדיקן זיך אויף דעם ניט־אַקצענטירטן קלאַנג **ע** געהערן צום **ווייבלעכן** מין.

— 100 —

א ר ב ע ט 219. שאַף זאַצן מיט די ווייטערדיקע סובסטאַנטיוון און שטעל צו דעם אַרטיקל **דער, די** אָדער **דאָס**.

ברודער, שוועסטער, בייגל, זייגער, ברו־נעם, נאָמען, שטערן, טראָפּן, פלימעניק, מאָדע, לאָפּעטע, פידל, לייטער, אָרעם, צייכן, גומען, שפּיגל, הימל, סטענגע, טי־שעלע, בעטעלע, פלימעניצע, פינגער.

לאָמיר שאַפן נייע סובסטאַנטיוון

— 101 —

א ר ב ע ט 220. שאַף נייע סובסטאַנטיוון מיט דער ענדונג -**ונג** לויטן מוסטער:

א. **צייט — די צייטונג.**
ב. **קלייד —**
ג. **בילד —**
ד. **דעק —**
ה. **פלאַנץ —**
ו. **פעסט — די פעסטונג.**
ז. **ברען —**
ח. **פייניק —**
ט. **שטער —**
י. **זיץ —**

> די סובסטאַנטיוון וואָס ווערן געשאַפן פון אַנדערע ווערטער מיט דער ענדונג -**ונג** געהערן צום ווייבלעכן מין.

— 102 —

א ר ב ע ט 221. שאַף נייע סובסטאַנטיוון מיט דער ענדונג -**הייט** לויטן מוסטער:

א. **פריי — די פרייהייט.**
ב. **גלייך —**
ג. **טריי —**
ד. **מער —**
ה. **קינד — קינדהייט.**
ו. **גאָט —**
ז. **מענטש —**
ח. **שיין —**

> די סובסטאַנטיוון וואָס ווערן געשאַפן פון אַנדערע ווערטער מיט דער ענדונג -**הייט** געהערן צום ווייבלעכן מין.

— 103 —

אַ ר ב ע ט 222. שאַף נייע סובסטאַנטיוון לויטן מוסטער:

אַ. לאַנג — די לענג.
ב. זאַט —
ג. קאַלט —
ד. הויך — די הייך.
ה. גרויס —

ו. וואַרעם — די וואַרעם.
ז. טיף —
ח. פריי —
ט. ברייט —
י. בלוי —

> די סובסטאַנטיוון וואָס שאַפן זיך פון דעם שטאַם פון אַן אַדיעקטיוו מיט אַדער אַן אינעווייניקסטער ענ־דערונג פון די וואָקאַלן, געהערן צום ווייבלעכן מין.

— 104 —

אַ ר ב ע ט 223. שאַף נייע סובסטאַנטיוון מיט די ענדונגען ־קייט אָדער ־שאַפט לויטן מוסטער:

אַ. גוטס — די גוטסקייט.
ב. שיין —
ג. הייליק —
ד. אָרעם —
ה. רייך —

אַ. ליב — די ליבשאַפט.
ב. פריינד —
ג. קלוג —
ד. וויסן —
ה. געטריי —

— 105 —

אַ ר ב ע ט 224. שאַף נייע סובסטאַנטיוון מיט די ענדונגען ־עניש און ־ערײַ לויטן מוסטער:

אַ. יאָג — די יאָגעניש.
ב. מאַטער —
ג. רייס —
ד. לויף —
ה. פינצטער —

אַ. זינג — די זינגערײַ.
ב. טאַנץ —
ג. פייף —
ד. שים —
ה. קוויטש —

די סובסטאַנטיוון וואָס ווערן געשאַפן פון אַנדערע ווערטער מיט די ענדונגען ‎-קייט, ‎-שאַפט, ‎-עניש, ‎-עריי געהערן צום ווייבלעכן מין.
זיי קענען אויך געהערן צום מיטעלן מין. מען קאָן זאָגן אויך: דאָס גוטסקייט, דאָס ליבשאַפט, דאָס מאַטערניש, דאָס זינגעריי.

— 106 —

א ר ב ע ט 225. שאַף זאַצן מיט די ווייטערדיקע סובסטאַנטיוון:

צייטונג, קליידונג, פעסטונג, גלייכהייט, פרייהייט, טרייהייט, לענג, זעט, וואַרעם, בלוי, גוטסקייט, שיינקייט, ליבשאַפט, פריינדשאַפט, יאָגעניש, רייסעניש, זינגעריי, טאַנצעריי.

סובסטאַנטיוון פון מיטעלן מין

— 107 —

א ר ב ע ט 226. שאַף נייע סובסטאַנטיוון מיט דער ענדונג ‎-וואַרג לויטן מוסטער:

א. עסן — עסנוואַרג.
ב. גאָלד —
ג. גלאָז —
ד. זילבער —
ה. גאָרטן —

א. קליין — דאָס קליינוואַרג.
ב. גרין —
ג. אַלט —
ד. יונג —
ה. אייזן —

— 108 —

אַ ר ב ע ט 227. שאַף נייע סובסטאַנטיוון מיט די ענדונגען ‎-ס און ‎-עכץ לויטן מוסטער:

א. גוט — דאָס גוטס.
ב. שיין —
ג. גרין —
ד. ריין —
ה. געבראָטן —

א. שפּיי — דאָס שפּייעכץ.
ב. שרייב —
ג. טו —
ד. וווין —
ה. זאָג —

— 109 —

אַ ר ב ע ט 228. שאַף נייע סובסטאַנטיוון מיט די ענדונגען ‎-טום און ‎-טל לויטן מוסטער:

א. יידן — דאָס יידנטום.
ב. הייליק —
ג. רייך —
ד. אייגן —
ה. קריסטן —

א. צוויי — דאָס צווייטל.
ב. פינף —
ג. זעקס —
ד. אַכט —
ה. צען —

> די סובסטאַנטיוון וואָס ווערן געשאַפן פון אַנדערע ווער־טער מיט די ענדונגען ‎-וואַרג, ‎-ס, ‎-עכץ, ‎-טום און ‎-טל געהערן צום מיטעלן מין.

ווערטער וואָס שטאַמען פון העברעיש

— 110 —

א. דער חכם בויט, דער נאַר צעשטערט.
ב. קויף זיך אַ חבר פאַר געלט.
ג. בעסער צו האָבן חן, איידער צו זיין שיין.
ד. אַ חסרון — דער חתן איז צו שיין.
ה. פון חדר טאָר מען ניט אויסזאָגן.
ו. חרטה האָבן איז ניט אָרנטלעך.

אַ ר ב ע ט 229. שרייב איבער די שפּריכווערטער און שטרייך אונטער די ווערטער וואָס שטאַמען פון העברעיש.

230. שרייב אויס באַזונדער די העברעיזמען און באַמערק וואָסער קלאַנג הערט זיך אַנהייב וואָרט.

אַז מען הערט דעם קלאַנג כ אַנהייב וואָרט איז ווערטער וואָס שטאַמען פון העברעיש, שרייבט מען שטענדיק אַ ח.

אַ ר ב ע ט 231. שאַף זאַצן מיט די ווייטערדיקע ווערטער:
חודש, חלום, חנוכה, חופה, חוב, חזן, חלף, חכמה, חשבון.

— 111 —

א. נוח איז געווען אַ צדיק אין זיין דור.
ב. כוח געפינט מען אין שיסל.
ג. ווו מען דאַרף האָבן מוח העלפט ניט קיין כוח.
ד. נישטאָ קיין שליח אויף צו טאָן שלעכטס.
ה. דער נאַר וועט ניט קלוג ווערן, אַפילו ווען משיח וועט קומען.
ו. דער לוח טרעפט אַ מאָל אויך נישט.

אַרבעט 232. שרייב איבער די דאָזיקע זאַצן און שטרייך אונטער די ווערטער וואָס שטאַמען פון העברעיִש.

233. שרייב איבער באַזונדער די העברעיִזמען און באַמערק וואָסער קלאַנג הערט זיך סוף וואָרט.

> אַז מען הערט סוף וואָרט דעם קלאַנג **אַך** אין ווערטער וואָס שטאַמען פון העברעיִש שרייבט מען שטענדיק אַ **ח**.

— 112 —

א. נישט אַלע מאָל געשעט אַ נס.
ב. אַ שדכן מוז זיין אַ ליגנער.
ג. בעסער אַ נאָענטער שכן איידער אַ ווייטער פריינד.
ד. מקבל פּנים זיין אַ מלך איז נים שטענדיק פריילעך.
ה. צום שלימזל דאַרף מען אויך האָבן מזל.

אַרבעט 234. שרייב איבער די דאָזיקע שפּריכווערטער און שטרייך אונטער די העברעיִזמען.

235. שרייב אויס באַזונדער די העברעיִזמען און באַמערק צי זיי האָבן וואָקאַלן.

> אין דער מערהייט העברעיִזמען שרייבט מען אָן בלויז די קאָנסאָנאַנטן און מען לאָזט דורך די וואָקאַלן.

אַרבעט 236. שאַף זאַצן מיט די ווייטערדיקע ווערטער:

נס, סם, אַ סך, דרך, ספר, מזל, מלך, בגד,
סדר, למשל, מדבר, גלן, בנין, מלמד, מן.

— 113 —

א ר ב ע ט 237. שרייב אַז די סובסטאַנטיוון פון ווייבלעכן מין לויטן מוסטער:

שכן — שכנה.	מלך — מלכה.
חבר —	תלמיד —
חכם —	אלמן —
זקן —	יתום —

> **אין העברעיזמען ווערן סובסטאַנטיוון פון ווייבלעכן מין געשאַפן מיט דער ענדונג -ה.**

א ר ב ע ט 238. שאַף זאַצן מיט די אויבנדערמאַנטע סובסטאַנטיוון פון ווייבלעכן מין.

— 114 —

א. אַ יידישע נשמה קען מען ניט שאַצן.

ב. אַז ס'איז ניטאָ קיין פּרנסה איז ניטאָ קיין הכנסה.

ג. ער מיינט ניט די הגדה נאָר די קניידלעך.

ד. אַז עס קומט אַ נייע צרה, פאַרגעסט מען אין דער אַלטער.

ה. אַ ציג איז ניט קיין בהמה.

ו. חרטה האָבן איז ניט אָרנטלעך.

ז. צו דער חופּה פירט מען.

א ר ב ע ט 239. שרייב איבער די זאַצן און שטרייך אונטער די העברעיזמען.

240. שרייב אויס באַזונדער די העברעיזמען און באַמערק וואָסער קלאַנג עס הערט זיך סוף וואָרט.

וועז מעז הערט איז העברעיזמעז דעם קלאַנג -ע שרייבט מעז כמעט שטענדיק אַ ה.
העברעיזמעז וואָס ענדיקז זיך אויפֿז קלאַנג ע געהערז צום ווייבלעכז מיז.

גערענק אייניקע אויסנעמעז:

מורא, רופא, משא, שונא, גמרא, מילא, כלי, רבי, פרי, אַוודאי, אַפילו, טבע, רשע.

אַ ר ב ע ט 241. שרייב אָז זאַצז מיט די העברעיזמעז־אויסנעמעז.

242. שרייב אויס די העברעיזמעז־סובסטאַנטיווז פוז די פּאַראַגראַפּז.

243. צעטייל זיי איז מענלעכז און ווייבלעכז מיז.

אַ גרויסע צאַל העברעיזמעז־סובסטאַנטיווז וואָס ענדיקז זיך ניט אויף דעם קלאַנג ע און אויף דער ענדונג ות געהערז צו דעם מענלעכז מיז.

צו דער צווייטער אויפלאַגע

א. מיר האָבן זיך ניט גערעכט, אַז במשך פון איין יאָר צייט וועט אויסגעפאַרקויפט ווערן די גאַנצע אויפלאַגע פון דעם ערשטן טייל פון דעם אַרבעטסבוך. עס האָט בכן אַרויפגעלייגט אויף אונדז דעם חוב פון ס'ניי צו רעווידירן דעם מאַטעריאַל, אויסצופאַרריכטן די טעותים און פעלערן וואָס האָבן זיך אַריינגעכאַפּט און אַריינצוטראָגן איניקע שינויים אויפן סמך פון אייגענער דערפאַרונג ביים נוצן דאָס בוך און אויפן סמך פון פריינדלעכע אָנווייזונגען פון ח"ח לערער.

ב. אין דער דאָזיקער צווייטער אויפלאַגע האָבן מיר אַ גאַנצע ריי דערציילונגען איבערגעבויט סטיליסטיש; אַרויסגענומען קאָמפּליצירטע זאַצן און זיי פאַרביטן אויף פּשוטערע. אַנדערע דערציילונגען, ווידער, זיינען פאַרביטן געוואָרן אויף מער פּאַסיקערע. דאָס זעלביקע האָבן מיר אויך געטאָן לגבי איניקע געניטונגען.

ג. מיר האָבן אויך אין דער אויפלאַגע צוגעגעבן נייע טעמעס. מיר האָבן אַריינגעפירט: א. דעם טראַפּיקן למד און נון, ב. וויכטיקע כללים בנוגע דעם גראַמאַטישן מין פון סובסטאַנטיוון, ג. בילדונג פון נייע סובסטאַנטיוון און ד. גרונט כללים וועגן דעם אויסלייג פון העברעיזמען.

ד. דער ערשטער טייל פון דעם אַרבעטסבוך איז אויסגערעכנט פאַרן צווייטן און דריטן קלאַס פון פאָלקשול. אויב אָבער דער לערער וועט איינזען אַ שווערע טעמע פאַר זיין קלאַס קען ער זי איבערלאָזן אויף אַ שפּעטערדיקן יאָר.

אין שולן מיט אַ ניט־שפּאַנישער שפּראַך־ספערע קענען די פּאַראַגראַפן וועגן ב־וו, ז־־ס און צ־טס אין גאַנצן דורכגעלאָזט ווערן.

ה. הגם דאָס בוך איז געבויט אויף דער אַליינטעטיקייט פון תלמיד, באַפרייט עס אָבער ניט דעם לערער פון איבערצואַרבעטן פריער דעם מאַטעריאַל מינדלעך אין קלאַס און צוגרייטן די קינדער צו די געניטונגען.

ו. מיטן דורכנעמען די ארבעטן פון א קאפיטל הייסט עס נאך ניט, אז דער לערער האט געטאן אלץ לגבי דעם שפראך־לימוד. עס זיינען פאראן טעמעס וואס דארפן איבער־געחזרט און באארבעט ווערן אפשר פיל מאל מערער וויפל עס איז אנגעוויזן אין דעם דאזיקן בוך. מיר לאזן עס איבער אויף דער איניציאטיוו פון לערער.

ז. צוליב ווארויאציע פון דעם שפראך־לימוד קען דער לערער אויסנוצן די פארשיידענע שפריכווערטער אויף שמועסן און שריפטלעכע ארבעטן.

ח. אויך איז דער צווייטער אויפלאגע איז אונדז ניט געלונגען צו באזייטיקן אייניקע טעכנישע מניעות. צוליבן פעלן פון אותיות אין דער דרוקעריי זיינען געבליבן געוויסע דעפעקטן אין דעם אויסלייג. מיר האבן ניט געקענט ווי געהע־ריק צו באצייכענען דעם בית (ווייז) כדי אים אונטערצו־שטרייכן פון בית. דאס זעלביקע בנוגע פּיי און פיי, שין און שין (סין), תוו און תוו (סאוו), חיריק יוד און יוד, מלופם וו און וו, פתח צוויי יודן און יי. מיר בעטן די ח"ח לערער, אז זיי זאלן צושטעלן די געהעריקע נקודות און צייכנס ווו מען דארף.

ט. דאס דאזיקע בוך ווערט ארויסגעגעבן פון „א. און ג. קרעמערמאן פאנד". דער מחבר פילט פאר זיין חוב הארציק צו באדאנקען די פריינד אברהם און גיטל קרעמערמאן פאר זייער גרינדן דעם דאזיקן פארלאג.

זאל זייער אויפטו דינען ווי א מוסטער פאר אנדערע יידן און זיי אנרעגן צו פראקטישע מעשים לטובת אונזער יידישער ליטעראטור.

דער מחבר.

מעקסיקע, סעפטעמבער 1947.

אינהאַלט

פון דעם קרעמערמאַן־פאַנד — זייט 3
צו די לערער — " 5

א. זאַץ — " 7 — 17

1 — 6. זאַץ און פּינטל — " 7
7 — 8. דער סדר פון די ווערטער אין אַ זאַץ — " 10
9 — 13. דערציילזאַץ, פרעגזאַץ און אויסרופזאַץ — " 12
14 — 16. סוביעקט און פרעדיקאַט — " 16

ב. וואָרט — " 18 — 31

17 — 19. ווערטער אין אַ זאַץ — " 18
20. צונויפהעפט — " 20
21 — 23. געקירצטע ווערטער — " 21
24 — 27. טראָף, טראָפּיקער למד און נון — " 24
28 — 30. אַקצענט — " 27
31 — 32. איבערטראָגן — " 29

ג. קלאַנגען און אותיות — " 32 — 60

33 — 35. די אותיות — " 32
36 — 37. טש און דזש — " 35
38 — 40. די דריי אַלפן — " 36
41 — 42. ענג — ענק — " 39
43. אַנג — אַנק — " 40
44 — 50. ב — וו — " 41
51 — 55. ז — ס — " 47
56 — 59. ב — פּ — " 51
60 — 62. ג — ק — " 53
63 — 64. האָמאָנימען (ג — ק) — " 55

65 — 68.	ד — ט	זייט 56
69.	טס — צ, ץ'	״ 58
70 — 72.	דס — צ, ץ	״ 59
ד	דער סובסטאַנטיוו	״ 61 — 93
73 — 74.	דער סובסטאַנטיוו איז זאַך	״ 61
75 — 83.	איינצאל און מערצאל	״ 63
84 — 87.	דער מין (מענלעכער, ווייבלעכער און מיטעלער)	״ 72
88.	דעמינוטיוון (פאַרקלענער ווערטער)	״ 75
95 — 100.	סובסטאַנטיוון פון מענלעכן און ווייבלעכן מין	״ 82
101 — 106.	לאָמיר שאַפן נייע סובסטאַנטיוון	״ 86
107 — 109.	סובסטאַנטיוון פון מיטעלן מין	״ 88
110 — 114.	ווערטער וואָס שטאַמען פון העברעאיש (העברעיזמען)	״ 90
	צו דער צווייטער אויפלאַגע	״ 95
	אינהאַלט	״ 97